בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִיש

עקב - ראה

תשע"ז

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
HEICHAL HAKODESH WILLIAMSBURG
**27 Skillman Street**
**718-384-1652**

**היכל הקודש מאנסי**
HEICHAL HAKODESH MONSEY
**32 Dolson Rd.**
**347-733-7551**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Hayes Ct.**
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Premishlan Way**
**845-243-0563**

**בארץ ישראל:**

**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**

שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהסייתדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל

**רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225**

**טלפון רב קווי 04-6708356**

**פקס: 04-6708359**

**Visit our new website: www.breslevcenter.com**

**לשמוע השיעורים 212-444-9191**

Find our entire book selection at:
**AMAZON.COM**
To donate and/or sponsor one of our books please call:
**845-248-1651**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת עקב, י״ד מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר ווייסן פונעם הייליגן רבי׳ן, וואס איז אונז מחזק אז מיר זאלן זיך נישט פארלירן אפילו ווען עס איז זייער שווער וכו׳.

מוהרא״ש זכרונו לברכה האט אמאל דערציילט אז ער געדענקט ווען ער איז געווען אמאל ביים הייליגן סאטמארער רבי׳ן זכותו יגן עלינו ווען בשעת מעשה איז א איד אריין געלאפן צו אים און האט אויסגעפלאצט מיט א געוויין אז ער האט אזויפיל צרות; ער האט פארלוירן ביים קריג זיין גאנצע משפחה רחמנא לצלן, און יעצט נאכדעם וואס ער האט פון פריש אויפגעשטעלט זיין שטוב איז אים אן אייניקל דערטראנקען געווארן ה׳ ירחם, און ער האט געוויינט אין געשריגן, האט זיך דער רבי זכותו יגן עלינו אנגערופן: ״ווער קען פארשטיין דרכי המקום, מען טאר נישט האבן קיין קשיות; איך האב אויך פארלוירן אלעס, און וואס טו איך ווען איך ווער בצער וכו׳? איך נעם די הייליגע גמרא און איך הייב אן לערנען די הייליגע תורה״; ווייל ווען מען לערנט תורה ווערט מען פרייליך.

דערפאר טייערער ..., מאך דיר א שיעור יעדן טאג אין גמרא; מיר האלטן יעצט אנפאנג סנהדרין דף כ״א, עס איז גאר אנדערש א טאג וואס מען לערנט דעם דף גמרא - עס איז א טאג פיל מיט חיות און פיל מיט שמחה.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת עקב, י״ד מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**
~~~~~~~~~~~

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב זייער הנאה אז דו האסט אנגענומען מיינע ווערטער, און דו טוסט אלעס צו העלפן דיין ווייב תחי'.

דאס וואס דו שרייבסט מיר אז דיין ווייב האט טענות אז עס איז נישט דא קיין געלט אזוי איז ביי אלעמען; זאלסטו וויסן אז חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תמורה טז.): "אִשָּׁה - כֵּיוָן שֶׁאֵין לָהּ תְּבוּאָה בְּתוֹךְ בֵּיתָהּ מִיָּד צוֹעֶקֶת", א פרוי, ווען זי זעט אז עס ענדיגט זיך איר עסן און עס איז נישט דא קיין געלט, הייבט זי אן גלייך צו שרייען אויפן מאן; דערפאר זאלסטו זען איר צו בארואיגן, און זאג איר אז נאך אביסל וועט זיין גרויס שפע, און מען ווען קענען איינקויפן אלעס וואס מען דארף.

דער עיקר זאלסטו זען אז עס זאל זיין שמחה אין שטוב, ווייל דעמאלט האט מען הצלחה, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המדות, אות שמחה, חלק ב', סימן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", ווער עס איז פרייליך איז מצליח.

לערן אסאך אשר בנחל, דאס וועט דיר נישט לאזן פאלן; דארט איז דא חיזוק פאר אלע שוועריקייטן. און בזכות דעם וואס דו ביסט מכבד דיין ווייב, דו הייבסט איר אויף און דו שטארקסט איר, וועסטו האבן גרויס שפע.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת עקב, חמשה עשר באב, שנת תשע"ז לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

היינט איז זייער א גרויסער טאג; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית ל:): "אָמַר רַבָּן שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל לֹא הָיוּ יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל כַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וּכְיוֹם הַכִּפּוּרִים"
~~~~~~~~~~~

פרעגן חז״ל: מילא יום כיפור איז דער גרעסטער יום טוב, ווייל דער אייבערשטער איז מוחל אלע עבירות פאר יעדן איינעם, אויך האט מען אין דעם טאג געגעבן די לוחות, אבער וואס איז דער גרויסער יום טוב פון חמשה עשר באב? זאגט די גמרא: ״אָמַר רַב יְהוּדָה אָמַר שְׁמוּאֵל יוֹם שֶׁהוּתְּרוּ שְׁבָטִים לָבוֹא זֶה בָּזֶה״ אין דעם טאג איז געווארן שלום צווישן די שבטים, דערפאר זענען די צוויי טעג זייער גרויס, יום כיפור בעט מען זיך איבער מיטן אייבערשטן, און חמשה עשר באב בעט מען זיך איבער איינער מיטן צווייטן, דערפאר איז עס אזא גרויסע טאג ווי יום כיפור.

אויך הייבט זיך שוין היינט אן די הארה פון ראש השנה - פון חמשה עשר באב איז דא פערציג טעג ביז ראש השנה; צדיקים פלעגן שוין וואונטשן א כתיבה וחתימה טובה פון חמשה עשר באב. דערפאר דארפן מיר זיך שוין אנגרייטן פאר דעם גרויסן טאג - דעם יום הדין ראש השנה מיט מצוות ומעשים טובים.

די בעסטע זאך ווי אזוי מען קען זיך אנגרייטן פארן יום הדין איז מיט לערנען די הייליגע תורה; מוהרא״ש ז״ל איז געקומען אין קעמפ חמשה עשר באב תשע״א און צוגעזאגט פאר יעדן בחור וואס וועט לערנען יעדן טאג גאנץ מסכת תענית פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, אז ער וועט טרעפן זיין שידוך גלייך נאך ראש השנה.

אין אומאן האט מיר מוהרא״ש ז״ל גערופן און געזאגט: זע צו קומען מיט אלע בחורים ערב ראש השנה ביינאכט ביי חצות ביים רבינ׳ס ציון, ווייל איך וויל קומען צום רבי׳ן מיט אלע הונדערטער בלעטער גמרא וואס די בחורים האבן געלערנט, איך וויל ווייזן פארן רבי׳ן ווי אזוי די בחורים האבן זיך צו געגרייט צום יום הדין.

דאס איז געווען מוהרא״ש - ווי מער אריין ברענגען אין בחורים און אין אינגעלייט לימוד התורה, צו ווייזן פאר יעדן איינעם אז יעדער איינער קען לערנען, נישט קיין חילוק צי מען האט א גוטן קאפ צי א שוואכע קאפ, דער עיקר זאל מען עפענען א משניות און גרויס זיין פרקים משניות און דפים גמרא.

ברוך השם די יאר האבן אלע בחורים אנגענומען די הבטחה פון מוהרא״ש ז״ל, און זיך געזעצט לערנען מסכת תענית; היינט צופרי קום איך אריין אין שול, זע איך ווי בחורים זיצן און זאגן מיט אזא חיות מיט א ברען, וויל איך דיר אויך בעטן אז דו זאלסט אויך אנהייבן צו לערנען מער פון היינט און ווייטער, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית ל:): ״מִכָּאן וְאֵילָךְ דְּמוֹסִיף יוֹסִיף וּדְלָא מוֹסִיף יֶאֱסֵף״, זאגט רש״י: מִכָּאן וְאֵילָךְ: מֵחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וְאֵילָךְ, דְּמוֹסִיף לֵילוֹת עַל הַיָּמִים לַעֲסֹק בַּתּוֹרָה יוֹסִיף חַיִּים עַל חַיָּיו: דְּלָא יוֹסִיף: לַעֲסֹק בַּתּוֹרָה בַּלֵּילוֹת, תִּקְבְּרֵיהּ אִימֵּיהּ: כְּלוֹמַר יָמוּת בְּלֹא עִתּוֹ; פון היינט און ווייטער ווער עס איז מוסיף בלימוד התורה וועט מען אים מוסיף זיין טעג צו לעבן.

דערפאר בעט איך דיר, מאך דיר א פרישע התחלה בלימוד התורה, קוק נישט וואס איז געווען נעכטן, און טראכט נישט וואס גייט זיין מארגן, נאר לעב מיטן היינטיגן טאג; כאפ אריין נאך א פרק משניות און נאך א פרק משניות, דאס וועט זיין פאר דיר די גרעסטע זאך מיט וואס דו קענסט זיך אנגרייטן פארן גרויסן יום הדין.

זע צו לערנען יעדן טאג דעם דף גמרא; אז מען לערנט א דף גמרא יעדן טאג, איז דער טאג אן אנדערע טאג.

א אינגערמאן האט מיר דערציילט אז ער איז געגאנגען פרעגן מוהרא״ש ז״ל צי די סגולה פון זאגן פערציג מאל מסכת תענית העלפט פאר שלום בית? האט אים מוהרא״ש געענטפערט: ״מענדל מענדל! א אינגערמאן וואס וויל האבן שלום בית דארף זיין א ותרן אין שטוב, און האבן אסאך סבלנות״.

דערפאר בעט איך דיר, זיי נישט נאריש און הער אויף זוכן חסרונות אויף דיין ווייב א גאנצן טאג; אנשטאט זיך צו אפרעדן א גאנצן טאג, זאלסטו אנדערש דאנקען דעם אייבערשטן אויף די ניסים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט דיר, אז דו האסט זוכה געווען חתונה צו האבן וכו׳ וכו׳.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת עקב, ט"ז מנחם-אב, שנת תשע"ז לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

מיר רוקן זיך שוין נענטער און נענטער צום גרויסן טאג ראש השנה, דארפן מיר זיך אנגרייטן פאר דעם גרויסן טאג; ווי אזוי גרייט מען זיך אן מליצי יושר פארן יום הדין? דורך לערנען די הייליגע תורה; יעדע פרק משניות און יעדע איינציגע דף גמרא וועט צוניץ קומען ביים יום הדין.

איך וויל דיר בעטן אז דו זאלסט יעדן טאג לערנען לכל הפחות דעם דף גמרא; מיר האלטן היינט מסכת סנהדרין דף כג, עס איז גאר אן אנדערע טאג ווען מען לערנט דעם דף. מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט שטענדיג זאגן: "דער יצר הרע וועט אלעס לאזן טון, נאר איין זאך לאזט ער נישט - מען זאל לערנען גמרא, ווייל ער ווערט אינגאנצן פארברענט ווען מען לערנט גמרא".

דו דארפסט קומען קוקן וואס טוט זיך דא אין קעמפ זייט נעכטן - חמשה עשר באב; די בחורים האבן זיך גענומען לערנען, ממש גוזמאות; כמעט אלע בחורים ענדיגן יעדן טאג א גאנצע מסכת, אויך זענען דא אינגעלייט וואס האבן אויך אנגעפאנגען צו לערענען יעדן טאג זייער אסאך דפים גמרא אז זיי זאלן האבן א זכות פארן יום הדין. בעט איך דיר מיין טייער ליבער תלמיד ..., הייב אויך אן צו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה על פי סדר דרך הלימוד וואס מיר האבן מקבל געווען פון הייליגן רבי'ן (שיחות הר"ן, סימן עו); און נעם יעדן טאג א חומש און זיי מעביר סדרה - זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי, דינסטאג ביז רביעי, און אזוי ווייטער; נאכדעם נעם א משניות און זאג א פרק נאך א פרק, און אזוי אויך מיט גמרא; עס איז נישט דא קיין בעסערע זאך אויף דער וועלט ווי לערנען תורה, און עס איז נישט דא קיין אנדערע
~~~~~~~~~~

פלאץ וואו מען קען אנטלויפן פון אלע צרות און יסורים נאר אז מען אנטלויפט צו די הייליגע תורה.

מיין צייט איז זייער באגרעניצט דא אין קעמפ, קוים וואס איך קען זיך ארויס כאפן אפאר מינוט דיר צו שרייבן אפאר ווערטער; איך האף אז דו ליינסט עס און דו נעמסט אריין אין דיר די התחזקות, ווייל איך בין אזוי צעבראכן, און דער אייבערשטער זעט מיין הארץ ווי צעבראכן איך בין וכו׳, איין זאך וואס מאכט מיר ווייטער אנגיין - ווען איך הער ווי בחורים און אינגעלייט דערהאלטן זיך, און זיי שטארקן זיך אויף אלע זייערע שוועריקייטן, זיי לערנען יעדן טאג און גיסן זיך אויס זייער הארץ צום אייבערשטן יעדן טאג, דאס מאכט מיר אז איך זאל ווייטער אנגיין מיט די ישיבה וכו׳.

איך דאנק דיר פארן מיר העלפן ענדיגן בויען דעם בנין אין אומאן; דער בנין גייט זיין אן אויסנאם בנין אין אומאן. עס זענען טאקע דא אסאך גרויסע פראכטפולע בנינים, אבער דער בנין איז דאך אנדערש, ווייל דער בנין בויעט זיך דורך עניים וכו׳, עס איז נישט דא קיין איין עושר וואס זאל אפילו ווען העלפן היכל הקודש; אויף יעדע בנין לייגט מען ארויף א נאמען פון אן עושר, ביי אונזער בנין וועט מען ארויף לייגן די ווערטער וואס מוהרא״ש זכרונו לברכה האט געשריבן אויפן שול אין יבניאל: ״הַבַּעַל תְּפִלָּה אָמַר, עֲדַיִין אַתֶּם רוֹצִים מָמוֹן? מִמָּמוֹן אַל תְּדַבְּרוּ כְּלָל״, אין אומאן וועלן מיר דאס שרייבן אויף אידיש: ״דער בעל תפילה האט געזאגט, נאך אלץ רעדט איר פון געלט? פון געלט זאלט איר מיט מיר נישט רעדן״.

באמת איז דאס א גרויסע נס אז עשירים האבן נישט ליב היכל הקודש, ווייל אזוי גייען מיר נאכאמאל און נאכאמאל צוריק צום אייבערשטן; עס איז ממש נישט צום גלייבן אז מען בויעט יעדן טאג ווייטער און ווייטער אן קיין איין פרוטה אין באנק, יעדן טאג מאכט דער אייבערשטער א נס, און ביז דערווייל זענען יעדן טאג צוגעקומען צו מיר אינגעלייט מיט געלט פארן בנין, אפילו אן נאכלויפן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת עקב, י״ז מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

דער רבי האט געזאגט: ״ווער עס ווייסט פון מיר וואס דארף ער פאסטן, און ווער עס ווייסט נישט פון מיר וואס העלפט אים פאסטן״; ווייל אז מען ווייסט פון די עצות פון הייליגן רבי׳ן דארף מען נישט טון קיין שווערע עבודות צו זיין אן ערליכער איד, און אז מען ווייסט נישט פון די עצות פון רבי׳ן, וואס האט מען אז מען פאסט און מען טוט שווערע עבודות.

דער רבי האט געזאגט: ״ווען ער וואלט ווען געוואוסט אין די אינגע יארן צו וואס מען קען צוקומען אז מען רעדט צום אייבערשטן, וואלט ער זיך נישט אזוי געמוטשעט מיט שווערע עבודות, נאר ער וואלט שטענדיג עוסק געווען אין התבודדות״.

דערפאר זאלסטו זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן אויף דיין שפראך וואס דו ביסט צוגעוואוינט צו רעדן; זאלסט אים אלעס דערציילן - אלעס וואס גייט אריבער אויף דיר, זאג פארן אייבערשטן ווי שטארק דו ווילסט זיין אן ערליכער איד, און ווי שטארק עס באדערט דיר יעדע מאל וואס דו פאלסט אראפ אין עבירות, אזוי אויך זאלסטו אים זאגן אלע דיינע רצונות, וועסטו זוכה זיין במשך הימים צו אלע מדריגות.

אודאי אין אנהייב איז זייער שווער, אבער אז מען איז אן עקשן און מען לאזט נישט אפ די זאך פון התבודדות, אפילו מען שפירט גארנישט, אדרבה - מען שפירט ווי קיינער דארף מיך נישט, אבער אז מען עקשנ׳ט זיך, און מען גייט יעדן טאג אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, און מען שמועסט זיך אויס דאס הארץ מיטן אייבערשטן, איז מען זוכה צו האבן א חיים טובים; מען שפירט א קרבת אלוקים, וואס דוד המלך זאגט אויף דעם (תהלים עג, כח): ״וַאֲנִי קִרֲבַת אֱלֹהִים לִי טוֹב״, ווען איך שפיר א נאנטקייט צום אייבערשטן איז מיר גוט; איך דארף שוין גארנישט.
~~~~~~~~~~

מוהרא"ש פלעגט דערציילן פונעם הייליגן בעל התניא זכותו יגן עלינו, אז מען פלעגט הערן ווי ער זאגט תהילים מיט אזא זיסקייט, איינמאל האט מען געהערט ווי ער זאגט דעם פסוק (תהלים עג, כה): "מִי לִי בַשָּׁמָיִם, וְעִמְּךָ - לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ", האט ער אזוי געזאגט: "מִי לִי בַשָּׁמָיִם" ווען האב איך אין הימל - אלע זענען אנטקעגן מיר, אבער "וְעִמְּךָ", אז איך האב דיר אייבערשטער, "לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ", דארף איך שוין נישט קיינעם; האט ער גענזינגען מיט א בענקשאפט: "רבונו של עולם, איך דארף נישט דיין עולם הזה, איך דארף נישט דיין עולם הבא, איך דארף נישט קיינעם - נאר דיר הייליגער באשעפער אליין".

צו דעם דארף א מענטש צוקומען - אז ער זאל קיינעם נישט דארפן און גארנישט ווילן, און קיינעם נישט מקנא זיין, נאר דעם אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת עקב, י"ז מנחם-אב, שנת תשע"ז לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך פריי זיך זייער צו הערן אז איר זענט זיך זייער מחזק מיט די עצות פונעם הייליגן רבי'ן, און איר זענט שטארק אין תפילה וכו'.

בנוגע דיין ארבעט וכו'; אז מען צאלט דיר מער אין סעמינאר זאלסטו דארט ווערן א מחנכת, סיי עס איז עלטערע מיידליך - וועסטו קענען אריין ברענגען אין מער אידישע קינדער ליבשאפט צום אייבערשטן, און זיי אויסלערנען אז וואס זיי דארפן זאלן זיי נאר בעטן דעם אייבערשטן, און סיי דו וועסט פארדינען מער, וועסטו קענען אויסהאלטן דיין שטוב.
~~~~~~~~~~

דאס וואס דו זאגסט אז די ארבעט דארט איז שווערער, און אסאך מאל קומסטו אהיים אויסגעשעפט וכו'; אזוי גייט עס מיט קינדער - איין טאג איז דער ארבעט גרינג, און איין טאג שווער. געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען צו מחנך זיין בחורים זייט זומער תשס"ד - שוין דרייצן יאר; פון איין זייט איז זייער שווער צו זיין א מחנך, ווייל אסאך מאל שפירט מען ווי די תלמידים נעמען ארויס יעדע טראפ בלוט און יעדע ברעקל מארעך, אבער פון די אנדערע זייט איז די זכות פון א מלמד און א מחנכת זייער גרויס, וואס מען קען גארנישט אפשאצן.

דערפאר זאלסטו זיין זייער שטארק, און זיך פרייען אז דו האסט די זכיה ארייִן צו לייגן אין מיידלעך אמונה פשוטה און יראת שמים.

איך בענק מיר זייער נאך דיין מאן ... ני"ו; איך האף אים צו זען אין אומאן ראש השנה הבעל"ט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת עקב, י"ח מנחם-אב, שנת תשע"ז לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב דיר געשיקט בילדער ווי מען גרייט שוין אן די זוילן צו קענען גיסן די יסוד פארן בנין אין אומאן, איך האף אז איך וועל נישט בלייבן מיט חובות.

דער בנין קאסט מיר א מיליאן דאללער, און פון דעם בנין וועט ארויס גיין א ליכטיגקייט אין גאנץ אומאן, ווייל די איינציגסטע פלאץ אין ברסלב וואו מען רעדט פון דעם רבינ'ס סדר דרך הלימוד איז אין היכל הקודש, וואס מוהרא"ש האט אויפגעשטעלט מיט מסירת נפש, און אין אונז אריין געברענגט אז מיר זאלן נאר פאלגן דעם רבי'ן, אן קיין שום דריידליך וכו'.
~~~~~~~~~~~

דערפאר, וואויל איז דעם וואס וועט האבן א חלק אין דעם בנין, וואס וועט דינען פאר א מקום וואס פון דארט וועט ארויס גיין ליכטיגקייט פאר די גאנצע וועלט.

איך האף אז דו רופסט יעדן טאג דיינע עלטערן; עס איז נישט דא נאך אזא מצוה ווי די מצוה פון כיבוד אב ואם, חז"ל זאגן (תנא דבי אליהו רבה, פרשה כ"ו): דער אייבערשטער זאגט, די גאנצע וועלט איז מיינס - איך האב עס באשאפן, און איך בעט פון ענק אז איר זאלט מכבד זיין ענקערע עלטערן.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן אז אפילו די עלטערן זענען נישט געזונט און מען קען זיך מיט זיי נישט דורך קומען, דארף מען זיי אויך מכבד זיין, און אויב עס איז זייער שווער זאל מען אוועק גיין פון זיי וכו'; וואויל איז פאר דעם מענטש וואס איז מכבד זיינע עלטערן, ער וועט זען נחת ביי זיינע קינדער.

שטארק דיך און ווער נישט פארלוירן, אפילו עס זעט אויס אז די וועלט ענדיגט זיך פאר דיר - פון דיינע שוועריקייטן וואס גייט אריבער אויף דיר, זאלסט שטענדיג געדענקן אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט, און אלעס איז נאר לטובה.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ראה, כ"א מנחם-אב, שנת תשע"ז לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

מוהרא"ש האט דערציילט אז א איד איז אמאל געקומען צום הייליגן חפץ חיים און ער האט אויסגעבראכן אין א געוויין, זאגענדיג: "רבי, מיין פרנסה געבער איז געשטארבן"! דער איד האט געהאט א קו, און ער פלעגט מעלקן די קו און פארקויפן די מילך, און פון דעם האט ער געהאט פרנסה, היינט צופרי קומט ער אריין אין שטאל און טרעפט זיין קו טויט, דער חפץ חיים האט אים געוואלט בארואיגן, אבער דער איד
~~~~~~~~~~~

וויינט און שרייט אז ער גייט שוין שטארבן פאר הונגער ווייל ער האט מער נישט קיין פרנסה, זאגט אים דער הייליגער חפץ חיים: "דיין פרנסה געבער איז דער אייבערשטער, און ער וועט דיר ווייטער געבן פרנסה, חס ושלום צו טראכטן אז דיין פרנסה איז געקומען פון א קו, נאר די וועג ווי אזוי דו האסט געהאט פרנסה איז געוועזן דורך די קו, און יעצט וועט קומען דיין פרנסה דורך אן אנדערע וועג".

די מעשה דארף מען גוט אריינעמען אין זיך, כדי מיר זאלן זיך נישט איינרעדן פאר איין מינוט אז די פרנסה קומט פון די ארבעט, און אויב מען וועט פארלירן די ארבעט וועט מען אויסגיין פאר הונגער וכו', אדער אנדערע מחשבות וואס קומען אריין אינעם מענטש: 'וואס וועט זיין?' 'ווי אזוי וועל איך האבן געלט?' נאר א מענטש דארף זיך פארלאזן אויפן אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט זיך שוין זיינע וועגן ווי אזוי ער העלפט דעם מענטש.

מוהרא"ש פלעגט זאגן כמעט ביי יעדע שיעור: "אז מען דאווענט מיט מנין, האט מען א דבר שבמנין (געלט)", ווייל פרנסה האט גארנישט צו טון מיט א גוטע קאפ אדער גוטע הענט וכדומה, פרנסה קומט פונעם אייבערשטן, און ווי מער א מענטש גלייבט אינעם אייבערשטן און ער פארלאזט זיך אויפן אייבערשטן, וועט אים דער אייבערשטער נישט פארלאזן, חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין מו.): "שְׁכִינָה מַה לָשׁוֹן אוֹמֶרֶת, קַלַּנִי מֵרֹאשִׁי, קַלַּנִי מִזְּרוֹעִי", די קאפ טוט מיר וויי, די הענט טוט מיר וויי; מוהרא"ש זאגט אז דער פשט פון דעם איז, אז דער אייבערשטער זאגט: "עס טוט מיר וויי צו הערן ווי מענטשן זאגן אז זייער 'קאפ' ברענגט זיי פרנסה, אדער אז זייערע געלונגענע 'הענט' ברענגט זיי הצלחה"; און וועגן דעם טוט מען יעדן טאג אן תפילין אויף די הענט און אויפן קאפ, צו ווייזן: איך בינד צו מיינע הענט און מיין קאפ צום אייבערשטן, דאס הייסט, איך גלייב אז אלעס קומט פון אים, מיין גאנצע הצלחה און מיין געלונגענקייט - אלעס איז דער אייבערשטער.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת ראה, כ״ד מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער רבי האט אונז דערציילט די מעשה פונעם חכם און תם (סיפורי מעשיות מעשה ט) דער תם איז געווען א שוסטער און ער האט זיך נישט געקענט דערלערנען ווי אזוי מען מאכט שיינע שיך, ער פלעגט מאכן א שיך וואס דער שיך האט געהאט דריי עקן, עס האט נישט אויסגעזען ווי א שיך, דאך - פארציילט דער רבי - פלעגט דער תם נעמען זיין שיך און זיך מחיה זיין מיט דעם און געזאגט: "וואספארא שיינע שיך האב איך געמאכט, ווי זיס איז מיין שיך, ווי האניגדיג איז מיין שיך, וואספארא צוקערדיגע שיך, א וואוילע שיך", זיין ווייב ווען זי פלעגט הערן ווי איר מאן דער תם איז זיך אזוי מחי׳ מיט זיין שיך, און ער לויבט זיין שיך אזוי שטארק, פלעגט זי אים פרעגן: "אויב איז עס יא אזוי, פארוואס נעמען אנדערע שוסטערס אסאך מער געלט ווי דו נעמסט פאר דיין שיך?" פלעגט איר דער תם ענטפערן: "וואס האט דאס צו טון מיט מיר? דאס איז זיין מעשה און דאס איז מיין מעשה, און וואס דארף מען רעדן פון א צווייטן, לאמיר זען וויפיל איך פארדין מִיַּד לְיַד וכו׳"; דא ליגט דער סוד פון מצליח זיין אין לעבן - א מענטש זאל זיך מחיה זיין מיט זיך, אפילו ער האט א פנים ווי א שיך מיט דריי עקן, דאך זאל ער דאנקען דעם אייבערשטן אז דער אייבערשטער האט אים אזוי באשאפן.

דער הייליגער ר׳ נתן זאגט (ליקוטי הלכות, הלכות פסח ט, אות כב): אזוי ווי א מענטש דארף זיך מחזק זיין נישט צו האבן קיין התפעלות פון שלעכטע מענטשן וואס מאכן חוזק פון אים ווען ער דינט דעם אייבערשטן, און מען דארף זיין זייער שטארק נישט צו ווערן צופאלן, אזוי אויך און נאך אסאך מער - זאגט ר׳ נתן - דארף א מענטש זיין ביי זיך זייער שטארק נישט צו ווערן צעבראכן פון זיינע ערליכע חברים ווען ער זעט
~~~~~~~~~~

ווי זיי שטייגן און זענען מצליח בעבודת השם, און איך זע אויס אזוי ווי איך זע אויס וכו׳, וְכָל זֶה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב, רַק כָּל אֶחָד יָבִין בְּעַצְמוֹ כְּפִי עִנְיָנָיו, וּכְנֶגֶד כָּל מִינֵי מְנִיעוֹת וַחֲלִישׁוּת הַדַּעַת שֶׁבָּעוֹלָם צְרִיכִין לֵילֵךְ בַּדֶּרֶךְ הַנַּ״ל, בִּבְחִינַת אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם, לַחֲשֹׁב כְּאִלּוּ הוּא יְחִידִי בָּעוֹלָם.

דערפאר זאלסטו זיך שטארקן און זיין מרוצה ווי אזוי דו ביסט, און קיינמאל נישט קוקן אויף א צווייטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת ראה, כ״ה מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אשריך ואשרי חלקך אז דו האסט א חלק אין מזכה זיין אידישע קינדער, אריין צו ברענגן אין אידישע קינדער די עצות פון הייליגן רבי׳ן.

בנוגע וואס דו שרייבסט אז ביי די חדר פון אייער אינגל איז דא א שרעקליכע תחרות ווער עס לערנט מער משניות בעל פה, און ווער עס קען די מערסטע ווערט א חתן פון חדר, מען מאכט אים א ריזיגע פאראדע, און מען באקומט אסאך מתנות און כבוד וכו׳.

דו שרייבסט אז עס שטערט דיר זייער שטארק, ווייל עס איז פארקערט פון אמת, פון תמימות, און פון פשיטות.

און מ׳רעדט דא ברוך השם פון א קינד מיט אסאך כשרונות, און ער קען זייער אסאך משנות אויסנווייניג, און עס ווייזט אויס אז ער קען זיין א חתן פון זיין כתה, און
~~~~~~~~~~

דו האסט זיך דורך גערעדט מיט דיין מאן און מחליט געווען אים נישט צו לאזן זיך פארהערן און צו זיין א חתן, פארשטייט זיך מיט א פולע הסבר פארוואס, און קוקנדיג וואס איז בכלל די מטרה פון לימוד התורה וכו׳.

איר פרעגט צי עס איז ריכטיג אזוי צו מאכן.

עס איז זיכער כדי אז דיין אינגל זאל מיטהאלטן דעם פראגראם אין חדר און זיך לאזן פארהערן מיט די גאנצע חדר; ווען איר שרייבט מיר ווען אז אייער קינד קען נישט און האלט נישט מיט - איז איין זאך, דעמאלט דארף מען אים אויפבויען אז ער זאל פרובירן צו טון וויפיל ער קען, אבער אז דער אייבערשטער האט דיר געגעבן א קינד וואס פארשטייט לערנען, און קען מיטהאלטן מיט די פראגראם, איז זיכער גוט אז מען זאל אים מחזק זיין ער זאל לערנען, אפילו ער לערנט נאך נישט תורה לשמה, ווייל חז״ל זאגן (סנהדרין קה:): ״לְעוֹלָם יַעֲסוֹק אָדָם בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְוָה אֲפִילּוּ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בָּא לִשְׁמָהּ״, א מענטש זאל לערנען תורה שלא לשמה, ווייל אזוי וועט ער צוקומען צו לערנען לשמה; בפרט קינדער דארף מען אסאך משחד זיין מיט מתנות און מיט גוטע זאכן, וואס אזוי מאכט מען זיי לערנען, און ווען זיי ווערן עלטער וועלן זיי לערנען אן די מתנות.

דערפאר זאלסטו אים לאזן זיין א חלק פון זיין כתה וכו׳, און דו מיט דיין מאן זאלן אריין לייגן אין שטוב אהבת השם יתברך, מיט אן אמת און מיט א תמימות.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# ~~~שאלות ותשובות~~~

## שאלה

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א

איך בין א בחור און איך בין נישט געהעריג אין א ישיבה, איך האלט זיך פאר א תלמיד פונעם ראש ישיבה, און איך בין טאקע אמת'דיג פון די שטארקע תלמידים. איך האב א סמארט פאן, און איך וויל וויסן די תקנות הישיבה בנוגע א סמארט פאון, וואס מעג מען האבן און וואס טאר מען נישט האבן? איך וויל זיך פירן אין לעבן לויט די תקנות הישיבה.

און די זעלבע אויך מיט לערנען תורה, וויפיל דארף איך לערנען יעדן טאג?

און דאס מערסטע וויל איך וויסן ווי אזוי קען איך ווערן אן ערליכער איד?

א גרויסן ש'כח, איך ווארט פאר אן ענטפער.

שלום.

## תשובה

**בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת עקב, י״ד מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן**

**לכבוד הבחור שלום נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דאס וואס דו פרעגסט מיר וואס איז די תקנות הישיבה; די תקנות פון ישיבה איז - צו זיין אן ערליכער איד, לערנען די הייליגע תורה און טון אלע מצוות וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן.

דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א מתנה פאר אונזער דור - דער הייליגער רבי זכרונו לברכה, וואס נאר ער האט עצות פאר אונזער דור, אז מיר זאלן קענען זיין ערליכע אידן.

דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן יט) אז אפילו א מענטש וואס איז אריין געפאלן אין עבירות רחמנא לצלן, אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג כך וכך, יהי׳ מה שיהי׳, וועט אים די תורה ארויס נעמען פון זיין פלאנטער, און ער וועט ווערן אן ערליכער איד; מוהרא״ש זכרונו לברכה זאגט, אז דער שיחה גייט ארויף אויף ח״י פרקים משניות, אז אפילו איינער וואס איז נעבעך אריין געפאלן אין שמוציגע מעשים, אבער אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו זאגן יעדן טאג חי פרקים משניות, וועט אים די תורה ארויס נעמען פון זיינע נישט גוטע מעשים.

דערפאר אז דו ווילסט זיין א תלמיד היכל הקודש, זאלסטו זיך מאכן א שיעור יעדן טאג אין משניות; ווען דו האסט אפאר מינוט זאלסטו זאגן א פרק משניות, אזוי וועסטו זוכה זיין צו א נייע ריינע הייליגע נשמה.

דאס וואס דו פרעגסט מיר אז דו ווילסט זיין אן ערליכער איד, און דו ווילסט וויסן ווי אזוי מען איז זוכה צו זיין אן ערליכער איד; דער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן קנד) אז ער האט ער זוכה געווען צו אלע זיינע מדריגות ווייל ער האט אסאך גערעדט צום אייבערשטן; און דער רבי האט געזאגט סוף ימיו, אז ווען ער וואלט געוואוסט צו וואס מען קען אלץ זוכה זיין דורך די הנהגה פון רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, וואלט ער נישט אזוי פיל געפאסט און געטון סיגופים וכו׳.

דערפאר טייערער שלום ני״ו, זוך דיר א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, און דארט זאלסטו זיך אויס שמועסן דיין הארץ צום אייבערשטן; פארצייל אלעס פארן אייבערשטן, סיי וואס עס גייט אריבער אויף דיר, אלע דיינע ווייטאגן וואס דו האסט, און סיי ווי שטארק דו ווילסט זיין אן ערליכער איד, דו ווילסט האבן ריינע אויגן און א ריינע מח, און ווי שווער עס קומט דיר אן צו זיין אפגעהיטן וכו׳ וכו׳, און אזוי וועסטו זוכה זיין צו ווערן אן ערליכע איד.

דאס וואס דו פרעגסט צי דו זאלסט האלטן דיין סמארט-פאון וכו׳; איך פארשטיי בכלל נישט וואס די שאלה איז, ווער געדענקט נישט ווי אזוי מוהרא״ש פלעגט רעדן ביי די שיעורים אז דאס נעמט אוועק יעדעס ביסל יראת שמים וואס דער מענטש האט. און חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין מה.): ״אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת״, דער יצר הרע איז נאר שולט אויף וואס די אויגן זעען; דערפאר, אז דו פרעגסט מיר צי דו זאלסט אוועק לייגן דעם סמארט-פאון, און דו שרייבסט מיר אז דו ווילסט זיין א תלמיד הישיבה, וואלט איך דיר געזאגט אז דו זאלסט עס אוועק ווארפן, און אין דעם זכות וועסטו זוכה זיין צו אויפשטעלן א שיינע אידישע שטוב, און דו וועסט מאכן נחת פאר דיינע עלטערן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**שאלה**

**לכבוד הראש ישיבה שליט"א**

איך פיל א שטארקע המשכה צו ברסלב, צו ר' נחמן און צו ברסלב'ער משפיעים, און איך פיל אז עס קען מיר אסאך העלפן אין מיין אידישקייט, אבער איך באלאנג צו א חסידות וואס איז להשמיד קעגן ברסלב, אין אויב איך גיי האבן א שייכות מיט ברסלב וועט מען ארויס ווארפן מיינע קינדער פון די מוסדות - און מיך פון די חסידות, און ווער ווייסט וואס נאך - שידוכים וכו'; אויך וועט עס שטארק באדערן פאר מיין טאטע און מאמע. איך וויל וויסן אויב די ראש ישיבה האט א עצה פאר מיר.

א גרויסן יישר כח.

א. י.
~~~~~~~~~~~

**תשובה**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת עקב, ט״ז מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד א. י.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

לדעתי דארפסטו זיך נישט קריגן מיט קיינעם; דו זאלסט לערנען פאר דיר די ספרים פון הייליגן רבי׳ן, און לעבן מיט די עצות, אזוי וועסטו נישט האבן קיין מחלוקת אויף דיר; מען קען לעבן מיטן רבי׳ן, און לעבן מיט די עצות וכו׳ וכו׳, אן דעם וואס איינער זאל וויסן דערפון.

דערפאר בעט איך דיר זייער, האלט דיך ווייטער ביי דיין רבי׳ן, און מאך נישט קיין מחלוקת; עס לוינט נישט צו מאכן א פייער אז די גאצע משפחה זאל אויפפלאקערן. אויב דו ווילסט טאקע זיין מקושר צום הייליגן רבי׳ן, נעם דעם רבינ׳ס עצות - הייב אן לערנען אויפן סדר דרך הלימוד פון רבי׳ן, אזוי ווי עס ווערט אויסגעשמועסט אין שיחות הר״ן (סימן עו); נעם יעדן טאג א חומש, און פון זונטאג זאלסטו אנפאנגען מעביר סדרה זיין, זונטאג זאלסטו זאגן שנים מקרא ואחד תרגום ביז שני, מאנטאג זאלסטו גיין ווייטער מיט די סדרה ביז שלישי, און אזוי ווייטער; אזוי, ווען עס וועט קומען סוף וואך, וועסטו האבן געענדיגט די גאנצע פרשה שנים מקרא ואחד תרגום.

נאכדעם מאך דיר א שיעור אין משניות; הייב אן פון אנהייב מסכת ברכות, יעדן טאג זאלסטו לערנען משניות - וויפיל פרקים דו קענסט זאגן זאלסטו זאגן, ביז דו וועסט ענדיגן סדר זרעים, און ווען דו וועסט ענדיגן סדר זרעים זאלסטו גיין צו סדר מועד, זאלסט נישט איבער חזר׳ן די פרקים וואס דו לערנסט פאר דו ענדיגסט נישט גאנץ ששה סדרי משנה.

אויך זאלסטו זיך מאכן א שיעור אין גמרא; און אפילו דו פארשטייסט נישט, זאלסטו זאגן ווייטער די ווערטער פון די הייליגע תורה, ווייל די ווערטער פון די תורה

דאס רייניגט דעם מענטש. חז״ל זאגן (עבודה זרה יט.): ״אָמַר רָבָא, לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ וְאַף עַל גַּב דְּמְשַׁכַּח, וְאַף עַל גַּב דְּלֹא יָדַע מַאי קָאָמַר״, א מענטש זאל לערנען די הייליגע תורה אפילו ער פארגעסט וואס ער לערנט, און אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט, נאך זאגן חז״ל (שבת סג.): ״לִיגְמֹר אִינִישׁ וְהָדַר לִיסְבֹּר״, קודם דארף מען אסאך זאגן די ווערטער, און נאכדעם קומט מען שוין צו פארשטיין.

אויך זאלסטו פאלגן דעם רבי׳ן מיט די עצה פון התבודדות; זאלסט זיך צוגעוואוינען זיך אויס צו רעדן דיין הארץ צום אייבערשטן אויף די שפראך וואס דו ביסט צוגעוואוינט צו רעדן, אז דיין שפראך איז אידיש זאלסטו רעדן צום באשעפער אויף אידיש, אז דיין שפראך איז ענגליש זאלסטו רעדן צום באשעפער אויף ענגליש; זאלסט אים אלעס דערציילן - סיי וואס דו ביסט אריבער, און סיי וואס דו ווארטסט צו געהאלפן ווערן.

איך מיין אז אויב דו וועסט קיינעם נישט דערציילן אז דו ביסט א ברסלב׳ער וועסטו נישט האבן קיין שום מחלוקת.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**שאלה**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א

אזוי ווי איך האב געהערט אז דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט פאר די בחורים אז זיי זאלן לערנען מסכת תענית פערציג מאל פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, און אין דעם זכות וועלן זיי א חתן ווערן, אזוי ווי מוהרא"ש זי"ע האט צוגעזאגט פאר די בחורים אין יאר תשע"א, וויל איך פרעגן אויב די סגולה איז נאר פאר בחורים וואס לערנען אין ישיבה, אדער דאס איז אויך פאר מיר וואס איך לערן נישט אין ישיבה?
~~~~~~~~~~

אויך וויל איך וויסן, ווען איך זאג מסכת תענית, און איך קום אן צו א פסוק וואס האט דעם אייבערשטנ'ס נאמען, אויב מען זאגט ארויס דעם אייבערשטנ'ס נאמען, אדער מען זאגט נאר "השם?"

אויך ווען ס'איז דא צוויי גרסאות אין א גמרא, ווי וועלכע גירסא דארף מען זאגן?

א גרויסן ישר כח פאר אלע חיזוק און עצות וואס איך באקום פון אייך שטענדיג.

שלמה

**תשובה**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת עקב, ט״ז מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד הבחור שלמה ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיך זייער צו הערן אז דו ביסט זיך מחזק אין עבודת השם ובעיקר בלימוד התורה על פי סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי׳ן זכרונו לברכה (עיין שיחות הר״ן, סימן עו).

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן רפז): ״מען דארף גארנישט טון, נאר דאווענען לערנען און דאווענען״, און דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן כח): ״טוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבוֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה״, וואס דאס קען מען נאר טון אז מעןווארפט אוועק אלע נארישע חכמות, און מען פאלגט דעם הייליגן רבי׳ן בתמימות ופשיטות.

דאס וואס דו פרעגסט מיר בנוגע די הבטחה וואס מוהרא״ש האט צוגעזאגט דא אין ישיבה, אז אויב מען וועט אין די פערציג טעג פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה יעדן טאג לערנען און מסיים זיין מסכת תענית - וועט דער בחור א חתן ווערן, פרעגסטו מיר צי דאס איז נאר פאר תלמידי היכל הקודש?

וויסן זאלסטו אז צו זיין א תלמיד הישיבה דארף מען נישט זיין אין ישיבה בפועל ממש, נאר דער עיקר איז אז מען נעמט די עצות פון הייליגן רבי׳ן און מען איז דאס מקיים - דעמאלט וואו מען איז נאר, איז מען א תלמיד פון רבי׳ן; היכל הקודש איז נישט מצומצם אין א געוויסע מקום, און דווקא אויב מען איז דארט איז מען א תלמיד, נאר צו זיין א תלמיד היכל הקודש דארף מען פאלגן די עצות וואס מען לערנט אין היכל הקודש; קומט אויס, אז עס קענען זיין בחורים וואס דרייען זיך אין היכל הקודש, עס זעט אויס ווי זיי זענען תלמידים, אבער באמת האבן זיי נישט קיין שום שייכות מיטן פלאץ, ווייל זיי פאלגן נישט, און עס קען זיין א בחור ווי דיר, וואס קיינער ווייסט נישט ווער דו ביסט, דו לערנסט אין א צווייטער ישיבה און דו פרובירסט צו מקיים זיין די עצות וואס מען לערנט דא, און דו ביסט א תלמיד היכל הקודש.

דערפאר זאלסטו אנהייבן צו לערנען מסכת תענית, און דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף דיר און דיר געבן דיין שידוך בקרוב.

בנוגע וואס דו פרעגסט, אויב מען קומט אן צו א פסוק וואס האט דעם אייבערשטנ׳ס נאמען, צי מען זאגט ארויס דעם אייבערשטענס נאמען; אויב איז עס א גאנצער פסוק קען מען ארויס זאגן דעם אייבערשטנ׳ס נאמען, אבער אז חז״ל ברענגען נאר אראפ דעם האלבן פסוק, זאגט מען נישט ארויס דעם נאמען, נאר מען זאגט ׳השם׳, אזוי אויך ווען עס איז דא נאך א גירסא קען מען זאגןביידע גרסאות.

דער עיקר זאלסטו זען זיך מחזק צו זיין און גלייבן אינעם אייבערשטן; דער רבי זאגט אז ווען א מענטש האט אמונה - ער גלייבט אז אלעס איז דער אייבערשטער, און קיינער קען גארנישט טון פארן מענטש, נישט קיין גוטס און זיכער נישט קיין שלעכטס אן דעם אייייבערשטער, איז דער אייבערשטער אים מוחל אויף אלע עבירות.

נעכטן האבן די בחורים אנגעפאנגען דא אין ישיבה צו לערנען מסכת תענית; איך האב זיך נישט געקענט איינהאלטן פון וויינען, איך האב געזאגט פארן אייבערשטן: ״קוק ווי שטארק די בחורים ווילן חתונה האבן! קוק דא בחורים וואס האבן נישט קיין זיך פלייש, א גאנץ יאר קענען זיי נישט זיצן קיין גאנצע פינף מינוט אויף איין

פלאץ, און יעצט ווען זיי הערן א צוזאג פון א צדיק, זיצן זיי שעות אויף שעות צו ענדיגן די מסכת, עס זענען דא בחורים וואס עס נעמט זיי פינף זעקס שעה צו ענדיגן, דאך ווילן זיי דאס טון ווייל זיי ווילן זיין ערליך און אפגעהיטן פון עבירות, דא קען מען זען אז אלע בחורים ווילן זיין גוט, אלע ווילן זיין ערליך״.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**שאלה**

לכבוד ראש הישיבה שליט"א

יישר כח פאר אייערע שיעורים, איר האט געטוישט מיין לעבן.

את חטאי אני מזכיר, איך בין אויך געווען פין די וואס האבן ר"ל געלאכט פין היכל הקודש, אבער עס איז געקומען פון נישט וויסן וואס היכל הקודש פארקויפט. עס איז דא א ווארט אין ענגליש: א נאר זאגט ניין פאר'ן וויסן, מיט'ן חשבון אז בעסער זאל דער פארקויפער פארלירן, אבער דאס איז זיכער אז ער אליין האט נישט פארדינט. אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו, ביז דו קומסט אן צו זען אויף וועלכע יסודות ער שטייט.

איך פרוביר צו גיין אין די דרכים וואס איר לערנט אונז. איך בין א נייער מענטש, אנשים אשר עשה בחרן, איר האט מיר ממש איבערגעמאכט.

יעצט צו מיין שאלה; דער אלטער 'איד', האט אסאך געזינדיגט ר"ל, בחסדי השם האט מיין ווייב עס אויפגעדעקט דורך קוקן אין מיין טעלעפאן. עס איז נישט געווען גרינג, איך האב מיך אבער אינגאנצן געעפענט פאר איר, און מיר זענען געגאנגען צו א מומחה וואס האט אונז זייער געהאלפן. ברוך השם אז די קדושה האלט אן ביז איצט, באשעפער העלף מיך עס זאל ווייטער אנהאלטן. אויך לגבי שלום בית האט זיך געטוישט פון פארדעם ווען איך האב דוקא
~~~~~~~~~~

אוועקגעקוקט פון איר, אז מיין לעבן זאל נישט שטערן מיין ווייב'ס, צו יעצט ווען איך וויל דוקא איר אנקוקן און זען ווי אזוי איך קען בעסער מאכן איר לעבן.

אין די לעצטע וואך, נאכדעם וואס איך האב זיך אפאר מאל פארלוירן אין געשריגן אויף איר [איך ווייס אז שרייען איז אויף קיין פאל נישט בארעכטיגט] האט זי געסטראשעט אז זי גייט נישט אין וכו', ווי לאנג איך האב א טעלעפאן מיט טעקסט [וואס דאס איז געווען ווי אזוי איך בין אמאל דורך געפאלן], און איך שפיר נישט גרייט אויף דעם [איך האב געבלאקט די שלעכטע קשרים].

זי זאגט אז זי שפירט נישט רואיג אז איך וועל נישט צוריק פאלן. [ווער קען דען זיין רואיג אויף דעם? איך בעט השי"ת ביי יעדע תפילה אז ער זאל מיר געבן כח זיך צו זיך האלטן בקדושה, און מיר נישט געבן קיין נסיונות]. אזוי אויך דערמאנט זי מיר ווי דער אלטער 'איך' האט איר שלעכט באהאנדעלט.

איך וויל ווערן אנגעקוקט ווי א נייער מענטש, וואס איך שטרענג זיך איבער צו זיין ערליך און גוט. טייערער ראש הישיבה, ווי אזוי זאל איך דאס באהאנדלען?

און אויב מעגליך אויך א ווארט פאר מיין טייערע ווייב, זי וועט אי"ה אויך ליינען די בריוו.

נאכאמאל א יישר כח פאר'ן מיר געבן א נייער לעבן.

נ. ג.

**תשובה**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת עקב, י״ז מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן**

**לכבוד נ. ג.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן כו): "ביי דער וועלט איז שכחה א חסרון, אבער ביי מיר איז שכחה א מעלה"; ווייל אז מען גדענקט אלע פראבלעמען קען מען נישט אנהייבן פון דאסניי צו דינען דעם אייבערשטן, דערפאר - זאגט דער רבי - דארף א מענטש זיך שטענדיג באנייען און פארגעסן וואס עס איז געווען און נישט קוקן אויף צוריק.

אזוי אויך ווען עס קומט פאר עפעס צווישן מאן און ווייב, טאר מען נישט ארויף ברענגען אלטע זכרונות איינער פארן צווייטן, ווייל דאס מאכט אז מען זאל ווערן צעבראכן און מען זאל נישט קענען אנהייבן פון דאסניי. למשל, דער מאן טאר נישט דערקוטשען זיין ווייב מיטן דערמאנען אלטע זאכן פון נאך די חתונה ווען זי האט נאך נישט געוואוסט ווי אזוי מען פירט זיך וכו'; קודם כל דארף מען וויסן אז דאס איז א לאו אין די תורה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ויקרא כה, יז): "וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ, וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹהֶיךָ", זאגן אויף דעם חכמינו זכרונם לברכה (בבא מציעא נח:): "אִם הָיָה בַּעַל תְּשׁוּבָה, אַל יֹאמַר לוֹ: 'זְכוֹר מַעֲשֶׂיךָ הָרִאשׁוֹנִים'", זאג נישט פאר א בעל תשובה: "געדענקסט נאך ווען דו האסט געטון עבירות?" דערפאר בעט איך דיר, הער אויף איבערקייען אלטע וויטאגן; הער אויף איבער צו זאגן, צעגערן און רודפ'ן דיין ווייב מיט אלטע מעשיות, "געדענקסט האסט מיר דעמאלט וויי געטון", "געדענקסט אמאל האסטו געטון דאס און דאס", ווייל אז מען רייסט אראפ א מענטש מיט זיינע אלטע מעשים העלפט עס נישט אויף להבה, אז דער מענטש זאל זיך טוישן צום גוטן, נאר פארקערט, עס מאכט אז דער מענטש זאל צעקלאפט ווערן וכו'.

דערפאר פאלן היינט אוועק זייער אסאך קינדער פון אידישקייט, ווייל ווען דער בחור איז שוין מחליט אז ער וויל ווערן גוט, קומט צוגיין וכו' און זאגט אים: "דו מיינסט אז דו קענסט ווערן גוט, דו האסט דאך געטון דאס און דאס!" און ער רעכענט אים אויס אלע זיינע שלעכטע מעשים וואס ער האט געטון ביז יעצט, ביז דער קינד איז מחליט אז ער גייט אפילו נישט פרובירן צו זיין גוט.

א איד איז אמאל געקומען צום רבי'ן וויינענ אז זיין טאכטער איז פארלוירן געווארן, און נאך א שטיק צייט וואס זי איז נישט אהיים געקומען, איז ער געוואויר געווארן אז דער גלח האט איר פארכאפט, וואס קען ער יעצט טון, ווי אזוי נעמט ער איר ארויס פון דארט? האט אים דער רבי געהייסן אז ער זאל מיט נעמען מיט זיך צוויי מענטשן מיט א וואגן וואס איז גוט פארמאכט, און ער זאל אריבער פארן דעם גלח'ס הויז, און דאס מיידל וועט דעמאלט שטיין אינדרויסען, און ווען זי וועט אים זען וועט זי גלייך לויפן צו אים, און ער זאל איר אריין נעמען אינעם וואגן און גלייך אנטלויפן פון דארט מיט איר, וכך הוה; און דער רבי האט גלייך געמאכט א שידוך פאר דאס מיידל מיט א בחור וואס האט געוואוינט אין דעם דארף, דער בחור איז געווען א פשוט'ער בחור א שוסטער, און דער רבי האט אים געזאגט בזה הלשון: "איך בעט דיר זייער שטארק אז דו זאלסט קיינמאל נישט דערמאנען דיין ווייב די מעשה וואס זי האט געהאט מיטן גלח" - אז זי איז נכשל געווארן מיט אים וכו', און אז זי האט זיך געוואלט שמד'ן השם ירחם, און דער רבי האט אים געגעבן א צוזאג אז אויב ער וועט איר נישט טשעפען מיט די אלטע מעשה וכו', זאגט ער אים צו אז ער וועט האבן גוטע קינדער; וכך הוה, דער איד האט זוכה געווען צו קינדער צדיקים און גרויסע רבנים.

איך זאג דיר, אז דעם רבינ'ס ברכה גייט נאך אן היינט; אז דו נעמסט זיך פאר מהיום אז דו וועסט אויף הערן צו טשעפען דיין ווייב מיט אלטע מעשיות, און זי וועט דיר נישט טשעפען מיט אלטע זאכן פון דיר, וואס דו האסט נישט געוואוסט ווי אזוי מען פירט זיך וכו', וועט איר אויך זוכה זיין צו קינדער צדיקים, אבער אז דו וועסט איר ווייטער דערקוטשען און ווייטער טשעפען מיט מעשיות פון אמאל וכו', וועסטו האבן בנים שוטים, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן קז): "הַבָּנִים שׁוֹטִים, כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן".

בנוגע א פרוי וואס וויל נישט גיין וכו', ליידער ליידער זענען דא שלעכטע מדריכים וואס לערנען אויס פאר פרויען - כלה'ס אז מען זאלן נישט גיין וכו', און מיט דעם סטראשענען זייער מאן וכו'; קודם כל דארף מען וויסן אז דאס איז זייער א

גרויסע עבירה, א פרוי וואס האלט אפ מצוות עונה דורכדעם וואס זי גייט נישט וכו׳, ווייל זי וויל אפטון איר מאן, וועט באקומען זייער א גרויסע שטראף רח״ל. צווייטענס; מען טוט זיך אליינס אפ, ווייל ווען זי וועט עס שוין דארפן וכו׳, און זי וועט שוין יא גיין וכו׳, ווער זאגט אז איר מאן וועט בכלל וועלן קוקן אויף איר, אפשר וועט ער איר געבן פון די זעלבע מעדיצין וואס זי האט אים געגעבן. איך אליין ווייס מעשיות וואס האבן זיך אזוי געענדיגט ה״י.

דערפאר דארף מען זייער אכטונג געבן נישט צו סטראשען מיט אפהאלטן פון זיין צוזאמען וכו׳; און וואס א פרוי וויל פועל׳ן ביי איר מאן קען מען פועל׳ן מיט גוטן. דער אייבערשטער האט באשאפן פארן מענטש א מויל מיט א צונג פאר א סיבה - מען זאל רעדן איינער מיטן צווייטן, אויב עפעס באדערט פארן ווייב זאל זי עס שיין אויס שמועסן מיט איר מאן, און אויב עס באדערט עפעס פארן מאן זאל ער עס שיין אויס שמועסן מיט זיין ווייב, אז מען רעדט קען מען אלעס פועל׳ן, און אז מען פועל׳ט נאך אלץ נישט, קען מען זיכער נישט פועל׳ן מיט סטראשען און בלאזן, עס וועט נאר ערגער מאכן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**שאלה**

שלום וברכה,

ראשית וויל איך זיך באדאנקען אויף די הערליכע שיעורים וואס וועקט אויף פון שלאף אין אלע ענינים, און פאר אלע עוסקים במלאכה פון הפצת השיעורים וואס דא אין ארץ ישראל האט עס א שטארקע השפעה, בפרט די שיעורים מיט די תרגום אין לשה"ק.
~~~~~~~~~~~

צווייטנס האב איך געוואלט פרעגן, איך האב זוכה געווען ב"ה צו געבארן ווערן אין א אמת'ער ברסלב'ע שטוב, געהערט פיל דיבורי רבינו, און געלערנט רוב ספרי רבינו. און פון ווען איך הער אייערע שיעורים האט זיך עפעס צושאקלט ביי מיר.

איך הער וואס מוהרא"ש זאגט, און איך הער וואס די אנדערע משפיעים זאגן, מיט אלע מיני שיטות און וועגן; וואס האט דער רבי באמת געוואלט? וואס איז דער המשך פונעם רבי'ן און זיין תלמיד ר' נתן?

איך וויל לערנען און באקומען דער אוצר פון יראת שמים אן קיין שינויים און בלבולים.

א גרויסן יישר כח.

חיה

**תשובה**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת עקב, י״ח מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד מרת חי׳ תחי׳**

איך פריי מיך זייער צו הערן אז איר זענט זיך מחזק מיט די שיעורים פון ישיבה, און אז דאס וועקט אייך אויף פון שלאף וכו׳.

אלעס וואס איך רעד און איך זאג, האב איך זוכה געווען צו הערן פון מוהרא״ש זכרונו לברכה במשך צען יאר; מוהרא״ש זכרונו לברכה האט גארנישט מחדש געווען, נאר גענומען דעם הייליגן רבינ׳ס ספרים און דאס אראפ געברענגט פאר אונז פשוט׳ע מענטשן, אז מיר זאלן לעבן מיט דעם, און אז מיר זאלן פאלגן דעם רבי׳ן אין יעדן פרט פון אונזער לעבן.

יעדעס מאל ווען מוהרא״ש זכרונו לברכה פלעגט נאך זאגן פון רבי׳ן, האט ער צוגעברענגט דעם מראה מקום, און מוהרא״ש פלעגט זאגן: ״איך זאג נישט די מראה מקומות ווייל איך וויל זיך אויפטון אז איך קען דעם רבינ׳ס ספרים אויף אויסענווייניג,

נאר ווייל מען זאגט אויף מיר אז איך זאג אייגענע זאכן, דערפאר זאג איך שטענדיג מיט מראה מקומות", און מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט זאגן: "אדרבה, אויב איינער הערט פון מיר א זאך וואס איך זאג נאך פון רבי'ן, און עס איז נישט אזוי, זאל ער אריין פרעגן". איך אליין האב זוכה געווען צו זיין במשך צען יאר יעדע וואך ליל שישי ביים שיעור וואס מוהרא"ש זכרונו לברכה האט געגעבן, און כמה פעמים געדענק איך ווי מען האט אריין געפרעגט וכו'.

דערפאר פארשטיי איך נישט פארוואס איר שרייבט מיר אז איר קומט פון א "אמת'ע ברסלב'ער" שטוב, און איר ווילט נאר נעמען חיזוק גלייך פון רבי'ן, אן קיין שום שינויים און בלבולים.

איך וויל אייך פרעגן, ווער איז אן אמת'ער ברסלבער חסיד? נאר ווער עס פאלגט דעם רבי'ן! נו, דער רבי האט געוואלט אז מען זאל קומען קיין אומאן אויף ראש השנה; וועט איר זען אז אין ברסלב אליין איז דא איינער וואס מען רופט אים פון די 'נקויי הדעת שבירושלים', און ער שטייט כלומריש בראש און אלץ דער וואס טראגט דעם ברסלב'ער פאן, און ער קומט נישט ראש השנה קיין אומאן, איז דען דא א גרעסערע חוכא וטלולא פון דעם?!

דער רבי האט געוואלט אז מען זאל עוסק זיין אין הפצה, עיין חיי מוהר"ן (סימן תקמג) וואו ר' נתן שרייבט אז דער רבי פלעגט אויף אונז אסאך מאל שרייען, און אונז אנרופן אז מיר זענען טריקענעביימער ווייל מיר זענען נישט עוסק אין הפצה; ווער האט זיך מוסר נפש געווען כל ימיו - איבער פופציג יאר צו פארשפרייטן דעם הייליגן רבי'ן אויף די גאנצע וועלט? אויב נישט מוהרא"ש זכרונו לברכה.

דערפאר פארשטיי איך בכלל נישט וואס איר שרייבט מיר אז איר ווילט נאר נעמען חיזוק פון רבי'ן, אן קיין שום שינויים ובלבולים; עס האט קיינמאל נישט געפעלט קיין עזות פנים'ער אין ברסלב, נאך ביי ר' נתן איז געווען אז ער פלעגט פארלערנען אין קלויז, און מען פלעגט קלאפן אויפן טיש: "שא, שא! מיר ווילן נישט הערן אייערע זאגן, מיר ווילן הערן נאר פון רבי'ן"; איי דו עזות פנים, ווען נישט ר' נתן

וואלסטו בכלל נישט געוואוסט פון רבי'ן, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שע): "מען דארף דאנקען דעם אינגערמאן, ווייל ווען נישט אים, וואלט נישט געבליבן פון מיר קיין בלעטל שמות"; אזוי איז אויך געוועזן ביי ר' נחמן טולטשינער זכר צדיק לברכה, אז מען האט זיך מיט אים געקריגט, און אזוי אויך ביי זיין זון ר' אברהם ב"ר נחמן זכר צדיק לברכה.

איך האף אז איר זענט נישט ברוגז אז איך האב אייך אביסל שארף געענטפערט; גלייבט מיר, איך האב נאך בכלל נישט אנגעהויבן צו שרייבן וואס ליגט מיר אויפן הארץ וואס טוט זיך אין ברסלב. איר שרייבט מיר אז איר קומט פון א ברסלב'ער שטוב; איך קום אויך פון ברסלב, און פאר איך בין מקורב געווארן צום רבי'ן דורך מוהרא"ש זכרונו לברכה האב איך געהאט ברסלב'ער חבירים, איך האב דעמאלט אויך געהאלטן אז איך בין אן עכטער ברסלב'ער, איך האב געקענט אלע ברסלב'ער ניגונים און געוואוסט פון דעם זקן און יענעם זקן; אלץ בחור בין איך אסאך געוועזן אין מירון וואו איך האב געזען ר' שמואל טשעטשיק, מיט נאך ברסלב'ער חסידים; איך פלעג גיין אין פעלד און גארנישט... איין זאך האבן די ברסלב'ער - א ביטול צו יעדן איינעם; יעדן איינעם מאכט מען אוועק, און קיינער איז גארנישט ווערט. איך רעד נישט פון היינטיגע רבי'ס, נאר אפילו פריערדיגע צדיקים, מען מאכט יעדן איינעם אוועק (הי' לא תהי').

געלויבט דעם אייבערשטן אז ער האט אויף מיר רחמנות געהאט, און מיר מקרב געווען צום הייליגן רבי'ן דיקא דורך מוהרא"ש זכרונו לברכה, וואס ביי יעדע שיעור האט מוהרא"ש גערעדט פון אלע צדיקים, ער האט יעדן איינעם דערמאנט - אלע תלמידי בעל שם טוב, און גערעדט תכלית - לעובדא ולמעשה, אז איך זאל טראכטן פון מיר, 'וואס קען איך טון צו זיין אן ערליכער איד', 'וואס קען איך היינט ארייו כאפן אביסל גוטס, אביסל תורה ותפילה'.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**שאלה**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א

אזוי ווי מיר האלטן יעצט ביים קויפן א פרוכת פאר'ן ארון הקודש אין אונזער בית המדרש היכל הקודש, און עס איז דא איינער וואס וויל עס מנדב זיין לע"נ, אבער ער וויל נישט עס זאל שטיין אויף דעם "בהתיסדות כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל" [ער האט נישט קיין פראבלעם אז עס זאל שטיין אויף דעם "היכל הקודש ברסלב"], וויל איך וויסן אויב מיר זאלן מסכים זיין אויף דעם אדער נישט?

גבאי בית המדרש היכל הקודש

**תשובה**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת עקב, י״ט מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד גבאי בית המדרש היכל הקודש.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך וואלט דיר געזאגט אז דו זאלסט ארויס שטעלן א שיינעם טאוול אינדרויסן פון בית המדרש, וואס עס זאל שטיין דערויף: ״בית המדרש היכל הקודש ברסלב, נתייסד על ידי מרן מוהרא״ש ז״ל״.

ווייל אז איינער קומט צו דיר אז ער וויל מנדב זיין א פרוכת נאר בתנאי אז עס שטייט נישט אויף דעם מוהרא״ש׳ס נאמען, דאס מיינט אז די מתפללים מיינען אז זיי דאווענען נישט אין היכל הקודש; איך קען דיר נישט זאגן אז דו זאלסט נישט נעמען פון אים וכו׳, אבער איך וואלט נישט גענומען פון איינער וואס נעמט זיך אויס מיט מיר אזאנס אנקעגן מיין רבי.
~~~~~~~~~~~

צו פירן א שול דארף מען האבן גרויס סייעתא דשמיא, און ווי לאנג א מענטש איז נישט קיין גבאי אין א בית המדרש, ווייסט ער נישט וואס גייט אריבער אויף איינעם וואס האט צו טון מיט א רבים. חז"ל זאגן (סנהדרין יז.) אויפן פסוק (במדבר יא, כח): "וַיֹּאמַר, אֲדֹנִי מֹשֶׁה כְּלָאֵם", אז יהושע בן נון האט געבעטן משה רבינו אז ער זאל עפעס טון מיט אלדד ומידד וכו', זאגט די גמרא, מַאי כְּלָאֵם? אָמַר לֵיהּ הַטֵּל עֲלֵיהֶן צָרְכֵי צִיבּוּר וְהֵן כָּלִין מֵאֲלֵיהֶן, ער זאל ארויף לייגן אויף זיי צרכי ציבור, וועט זיך זייער נביאות ענדיגן (עיין תוספות שם): "דְּאֵין שְׁכִינָה שׁוֹרָה מִתּוֹךְ עַצְבוּת אֶלָּא מִתּוֹךְ שִׂמְחָה", דאס הייסט, אז איינמאל זיי וועלן זיין פארנומען מיט א ציבור, וועלן זיי שוין זיין פאר דאגה'ט, און אז מען איז נישט פריילך קען מען נישט זיין קיין נביא.

דערפאר בעט איך דיר זייער שטארק, אז דער אייבערשטער האט דיר מזכה געווען אויפצושטעלן א היכל הקודש, זאלסטו זען אז עס זאל זיין א שיין ווינקל פאר די גאנצע געגענט, אז אויב איינער דארף חיזוק זאל ער וויסן אז עס איז דא א פלאץ וואו מען קען הערן א גוט ווארט וכו'.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**שאלה**

לכבוד דער ראש הישיבה שליט"א

איך לערן אין א ישיבה אין ארץ ישראל, יעצט אויף די מינוט האב איך נישט קיין סמארטפאון, אבער ווי אזוי קען איך זען דאס אנצוהאלטן, און די צוויי יאר וואס איך לערן דא האב איך שוין געהאט בערך 8-9 פאון'ס. יעדעס מאל ווען עס כאפט מיר א שוואכע מינוט, קויף איך איינס אין נאך אפאר טאגווארף איך עס אוועק. אדער גיי איך צו א קאמפיוטער סטאר וואס האט נישט קיין שום פילטער.
~~~~~~~~~~

באמת וויל איך זיין גוט און ערליך, און איך ווייס אז א טעלעפאן איז שמוץ, ווייל דאס איז וואס איך קוק א גאנצן טאג ווען איך האב עס, איז וואס איז די עצה צו זיין א צדיק?

משה

**תשובה**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת פרשת עקב, י״ט מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד הבחור משה נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו שרייבסט מיר אז האסט זיך געקויפט א סמארטפאון און דורך דעם ביסטו אראפ געפאלן טיף טיף אין שאול תחתית, און דו ביסט נכשל געווארן מיט הארבע עבירות רחמנא לצלן, און דו שרייבסט מיר אז איך זאל דיר העלפן ארויס קריכן פון דיין בלאטע; אויך שרייבסטו מיר אז דו גייסט אין שמוציגע פלעצער, אנשטאט צו זיצן אין ישיבה, בשעת דיינע עלטערן האבן דיר געשיקט לערנען אין ארץ ישראל וכו׳, גייסטו קיין וכו׳ קוקן שמוץ ה׳ ירחם, און דו בעטסט מיר אן עצה.

וויסן זאלסטו אז יעדער מענטש קען תשובה טון - נישט קיין חילוק ווי ווייט ער איז שוין פארקראכן; איך וואלט דיר געזאגט אז דו זאלסט אוועק ווארפן דיין סמארטפאון, וואס דו דארפסט עס נישט האבן; קוק צו וואס עס ברענגט דיר צו, ליידער ביסטו נישט דער איינציגסטער בחור וואס שרייבט מיר אזא בריוו, איך באקום יעדן טאג בריוו פון בחורים און מיידליך וואס וויינען צו מיר אז איך זאל זיי העלפן ארויס קריכן פון זייער בלאטע; זיי שרייבן מיר: ״אינדרויסן מיינען אלע אז מיר זענען גוט וכו׳, אבער שטילערהייט זענען מיר פארדארבן, אזוי ווייט אז מיר ווילן זיך פשוט נעמען דאס לעבן רחמנא לצלן״.

מאך זיך א שיעור אין משניות; יעדן טאג זאלסטו זאגן פרקים משניות, אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט - דאך זאלסטו זאגן פרקים משניות יעדן טאג,

דאס וועט דיר ארויס נעמען פון דיין בלאטע, אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן יט): "שֶׁאֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אפילו א מענטש וואס איז זייער ווייט פון קדושה, ער טוט עבירות רחמנא לצלן, און ער איז שוין אראפ געפאלן אין שאול תחתיות, "אַף־עַל־פִּי־כֵן הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל־כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ - יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה, עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג "כך וכך" וועט ער סוף כל סוף ארויס גיין פון זיין בלאטע, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס, אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס. ווען ר' נתן האט געהערט דעם שיחה, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן, צי תורה קען אויך העלפן אזא איינעם וואס איז אראפ געפאלן אין די עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רח"ל? האט דער רבי אים געזאגט: "דו ווייסט ווי גרויס דער כח פון תורה איז?! תורה איז העכער פון אלעס, אז אפילו א מענטש וואס ליגט נעבעך אין די עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא ליצלן, אויב דער מענטש וועט לערנען יעדן טאג 'כך וכך' וועט ער ווערן אן ערליכער איד".

איך בעט דיר זייער, מיין נישט אז דער אייבערשטער איז ברוגז אויף דיר, און ער וויל דיר נישט צוריק נעמען, ווייל דער אייבערשטער נעמט צוריק יעדן איינעם, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא פו.): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד", תשובה איז אזוי גרויס אז ווען א מענטש טוט תשובה - ער איז זיך מתודה פארן אייבערשטן, שטייט ער פארן כסא הכבוד. נאך זאגן חז"ל (ברכות לד:): "בִּמְקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד", א בעל תשובה איז חשוב ביים אייבערשטן מער ווי גרויסע צדיקים.

דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א מתנה וואס הייסט 'התבודדות'; אז א מענטש זאל גיין אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, און זיך אויסרעדן זיין הארץ צום אייבערשטן אויף זיין אייגענע שפראך; ווען א מענטש פארציילט אלעס

פארן אייבערשטן, און ער איז זיך מתודה פאר אים, דעמאלט נעמט דער אייבערשטער צוריק דעם מענטש.

זאלסט אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז דו זאלסט האבן כח און שכל נישט צו נעמען א סמארטפאון, ווייל דאס צעשטערט פשוט דעם לעבן פון א מענטש, עס נעמט ארויס יעדעס טראפ יראת שמים וואס דער מענטש האט.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז דו זאלסט טרעפן דיין שידוך בקרוב, און אויפשטעלן א ערליכע שטוב, א בית נאמן בישראל, אמן.

...

~~~~~~~~~~~

**שאלה**

Dear Rabbi Roth,

I listen to your speeches and I find them very inspiring. I wish my husband would listen to them too.

I have been married for three years and it's been really difficult. My husband yells at me, threatens me, ignores me, and makes fun of me all the time. He is out with friends a lot and when he is home he is busy with social media and movies.

He never understood my needs as a wife. He pays the bills and that's where his role as a husband ends.

He never goes to shul, not shabbos, not weekday and doesn't Daven or learn. I tried to have people talk to him, he promised them he will change but he never did. I have been davening so much but it seems hopeless.
~~~~~~~~~~~

Recently I have been advised by a prominent ruv to leave the marriage since he doesn't show any signs of change spiritually or emotionally, and that I'm too young to suffer for the rest of my life. Being that you do in shalom bayis, do you think there is any hope for my marriage ? Is there any way I can motivate my husband to change ? How can I get him to listen to your speeches so he knows how to conduct himself properly?

I would really appreciate a response since the situation is desperate.

Thank you so much for taking the time to read my letter. May you continue helping more people BS"D.

**[איבערגעטייטשט:**

לכבוד די ראש ישיבה,

איך הער אויס אייערע שיעורים, און איך באקום זייער אסאך חיזוק און קוראזש דערפון, הלוואי וואלט ווען מיין מאן אויך געהערט אייערע שיעורים.

איך בין שוין חתונה געהאט דריי יאר, און די מצב ביי אונז איז זייער שווער; מיין מאן שרייט אויף מיר, ערווארפט אן אויף מיר א שרעק, ער מאכט זיך נישט וואוסענדיג פון מיר, ער מאכט חוזק פון מיר ווען ער קען, ער גייט זייער אסאך ארויס מיט חברים, און ווען ער איז שוין יא אינדערהיים איז ער פארנומען מיט סאשעל מידיע און מאוויס.

מיין מאן האט קיינמאל נישט פארשטאנען מיינע געברויכן, וואס א פרוי דארף; די איינציגסטע פאל ווען ער שפילט זיין ראלע אלץ מאן, איז ביים באצאלן די בילס.

מיין מאן גייט קיינמאל נישט אין בית המדרש, נישט שבת און נישט אינדערוואכן, און בכלל דאווענט ער נישט, און ער לערנט נישט.

איך האב שוין פרובירט שיקן מענטשן וואס זאלן רעדן צו אים, און ער האט זיי צוגעזאגט אז ער גייט זיך פארבעסערן, אבער ער האט דאס קיינמאל נישט אויסגעפירט. און איך אליינס האב שוין אזוי פיל געבעטן דעם אייבערשטן, אבער די מצב זעט אויס האפענונגסלאז.

לעצטנס האט מיך א חשוב'ער רב גע'עצה'ט אז איך זאל זיך גט'ן, וויבאלד מיין מאן ווייזט נישט ארויס קיין שום אינטערעסע זיך צו פארבעסערן, נישט אין אידישקייט און נישט אין די וועג ווי אזוי ער פירט זיך אויף צו מיר. דער רב זאגט מיר אז איך בין נאך צו יונג צו ליידן פאר די המשך פון מיין לעבן.

אזוי ווי די ראש ישיבה טוט אין שלום בית, וויל איך פרעגן צי די ראש ישיבה געבט נאך א האפענונג אז מיר זאלן נאך קענען בלייבן צוזאמען? איז בכלל פארהאנען א וועג ווי אזוי איך זאל קענען איבערצייגן מיין מאן זיך צו טוישן? ווי אזוי קען איך צוברענגען דערצו אז מיין מאן זאל צוהערן אייערע שיעורים, און הערן ווי אזוי א מאן דארף זיך אויפפירן?

איך וואלט זייער מכיר טוב געווען אויב די ראש ישיבה וואלט מיר געקענט צוריק ענטפערן, ווייל די מצב איז שוין אומדערטרעגליך.

א גרויסן יישר כח פארן נעמען די צייט צו ליינען מיין בריוו, זאלט איר ווייטער קענען ממשיך זיין צו העלפן נאך אידן בסייעתא דשמיא].

**תשובה**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת ראה, כ״א מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ווען איך האב געליינט דיין בריוו האב איך געהאט גרויס ווייטאג און צער צו הערן וואס דו מאכסט מיט פון דיין מאן; איך קען נישט נעמען א צד ווען איך האב נאר געהערט איין זייט פון די מעשה, און איך האלט אז דו דארפסט רעדן צו אים קלארע

ווערטער, זאג אים ארויס קלאר וואס עס באדערט דיר, און אז דו ביסט נישט גרייט צו ליידן דיין גאנץ לעבן; דו ביסט נאך א יונגע פרוי און עס שטייט נישט אין ערגעץ אז א פרוי דארף בלייבן איר גאנץ לעבן א לעבעדיגע עגונה. אויב איז עס טאקע אזוי, אז דיין מאן קומט נישט אהיים, ער פארברענגט זיינע נעכט מיט כלומר׳ישע חברים, און ווען ער קומט שוין יא אהיים טשעפעט ער דיר און ער סטראשעט דיר, און ער מאכט חוזק פון דיר, דארפסט זיין מיט אים זייער אפען; רעד צו אים שיין, זאג אים אז דו ביסט גרייט צו טון אלעס אויף דער וועלט צו בלייבן מיט אים, אויב ער וועט זיך פירן ערליך און איידל.

דו שרייבסט מיר אז ווען ער קומט שוין יא אהיים איז ער פארנומען מיט social media און movies; ליידער זענען שוין זייער אסאך שטובער חרוב געווארן פון דעם פארשאלטענעם סמארטפאון, דאס נעמט ארויס יעדעס ביסל יראת שמים און יעדעס ביסל גוטס וואס עס איז דא אין א מענטש. א אינגערמאן וואס דארף האבן זיין טעלעפאן פאר פרנסה איז איין זאך, אבער מען טאר דאס נישט אריין ברענגען אין א אידישע שטוב, ווייל דאס איז א גרויסע סכנה פאר א אידישע שטוב.

איך בעט דיר זייער, שטארק דיר און זיי ווייטער מתפלל; בעט דעם אייבערשטן אויף דיין אייגענע שפראך. אז דו רעדסט בעסער ענגליש און דו קענסט זיך בעסער ארויסברענגען אויף ענגליש, זאלסטו רעדן צום אייבערשטן אויף ענגליש, ווייל ווען מען רעדט אויף די אייגענע שפראך קען מען זיך בעסער ארויס ברענגען, און מען רעדט מער פון הארץ. בעט דעם אייבערשטן אז ער זאל רחמנות האבן אויף דיר און אויף אלע אידישע קינדער, עס זאל אריין גיין אין דיין מאן א רוח טהרה, אז ער זאל איינזען אז דאס איז נישט גוט פאר אים, און ער זאל האבן א געפיל צו דיר, און ער זאל אפלאזן אלע זיינע שלעכטע חברים וכו׳.

דו שרייבסט מיר אז דו ביסט אסאך מתפלל אבער דו שפירסט נישט ווי דו קענסט נאך האבן א ישועה; זאג נישט אזוי, ווייל ביים אייבערשטן איז אלעס מעגליך, דער

אייבערשטער נעמט יעדע ווארט וואס מען בעט אים, און ער העלפט דעם מענטש, נאר אסאך מאל דארף מען אויסווארטן אויף די ישועה.

דערפאר בעט איך דיר זייער, דו ערשטע זאך זאלסטו זיך נישט פארלירן, נאר זאלסט גלייבן באמונה שלימה אז דער אייבערשטער געבט אכטונג אויף דיר, און ער וועט דיר העלפן, אז דו וועסט האבן א שיינע לעבן איין טאג, דו זאלסט יעדן טאג זיך אויסגיסן דיין הארץ צו אים, בעט אים: "רבונו של עולם, טאטע זיסער, האב רחמנות אויף מיר, קוק צו מיין פיין ווי איך ווער דערנידערט און פארשעמט פון מיין מאן, העלף מיר באשעפער אז מיין מאן זאל אוועקווארפן זיינע מאוויס, ער זאל אפלאזן זיין **Social Media**, און ער זאל זיך אויף וועקן פון זיין טיפע שלאף, ער זאל אנהייבן צו גיין אין שול, ער זאל אנהייבן זיך צו פירן ערליך; אייבערשטער, העלף מיר אז איך זאל האבן א גוטע לעבן מיט מיין מאן, איך וויל אויפשטעלן א ערליכע שטוב, ערליכע קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות", איך האב דיר געשריבן די תפילה אין אידיש, אבער אויב דו רעדסט בעסער אויף ענגליש, זאלסטו דאס זאגן אין ענגליש; און בשעת דו צינדסט אן די שבת ליכט, ווען דו לייגסט דיין האנט אויפן פנים, זאלסטו וויינען צום אייבערשטן און אויסרעדן פאר אים אלעס וואס דריקט דיר אויף דיין הארץ, זעץ דיך אראפ ביי די שבת ליכט, און גיי נישט אוועק פון דארט ווילאנג דו רעדסט אויס דיין הארץ, וועסטו זען ווי דער אייבערשטער וועט דיר העלפן.

אבער איך זאג דיר נאכאמאל, דו דארפסט זיין אפן מיט דיין מאן; קיינער זאגט נישט אז דו ביסט מחויב צו ליידן דיין גאנץ לעבן פון א מאן וואס פארשעמט און סטראשעט דיך, דערפאר בעט איך דיר, רעד מיט אים א שיינע שמועס, ווייל עס איז נישט כדי צו צעברעכן א שטוב אויב מען קען עס נאך ראטעווען, בפרט ווען עס איז דא קינדער.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**שאלה**

שלום וברכה פאר'ן ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח פאר'ן אוועקגעבן צייט צו ענטפערן אונזערע שאלות. די שאלה וואס שטערט מיך איז, אז ס'איז שוין דרייצן יאר, כולם שוים לטובה, וואס איך ארבעט אויף א פלאץ, און איך בין זייער איבערגעגעבן צו די בעלי בתים, איך טו צו זיי אסאך אסאך מער ווי סתם ארבעטערס, איך שטעל זיי צו גאר א געלונגענע ארבעט, אבער למעשה זע איך אז אין די רגע ווען עס קומט צו זייערע אינטערעסן זענען זיי גרייט צו באגראבן די ארבעטערס. פון וואו נעמט מען די מוט און כח צו קענען ווייטער אנגיין מיט די ארבעט? אויב דער ראש ישיבה קען מיר ביטע געבן חיזוק צו קענען ווייטער אנגיין מיט די ארבעט. איך זע אז דער ראש ישיבה גייט ווייטער אן מיט זיינע תלמידים, אפילו ווען איך שטעל זיך פאר אז ס'איז אויך בכלל נישט גרינג א גרויסן יישר כח

יואל

**תשובה**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת ראה, כ״א מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד האברך יואל נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דיין קשיא - דאס איז אליין דער תירוץ ; דו פרעגסט מיר ווי אזוי עס קען זיין אז דו ארבעטסט שוין אסאך יארן ביי א פלאץ און דו געבסט זיך איבער פאר דיינע בעלי בתים, און יעצט זעסטו אז ווען עס קומט צו זייערע אינטערעסן קוקן זיי נישט אויף דיר, און דו פרעגסט מיר ווי אזוי דאס קען זיין.
~~~~~~~~~~

וואס זאל איך דיר זאגן, עס איז נישט געווען קיין שיעור וואס מוהרא״ש זכרונו לברכה זאל נישט רעדן פון דעם, אז עס איז נישט דא קיין חברים, און עס איז א שאד נאך צו לויפן מענטשן, ווייל יעדער מיינט נאר זיך, והא ראי׳, די רגע וואס עס וועט אויס קומען בעסער פאר זיי צו נעמען א צווייטער ארבעטער וועלן זיי דיר אוועק שיקן אן קיין רחמנות.

מען זעט נעבעך ווי אינגעלייט צערייסן זיך פאר זייערע בעלי בתים; זיי ווייסן נאך נישט וואס דער לעבן איז, זיי לייגן אלעס אין דער זייט פאר זייערע בעלי בתים, אזוי זענען זיי זיך מוסר נפש לאנגע יארן, ביז דער בעל הבית טרעפט א צווייטע שמאטע וועם מען קען גוט אויסניצן, און דעמאלט זאגט ער אף דעם אינגערמאן פון איין טאג אויפן צווייטן, און ער בלייבט מיט גארנישט... ער האט נעבעך גארנישט... די ווייב האט ער שוין נישט, ווייל יעדעס מאל זי האט אים געבעטן אהיים צו קומען וכו׳, האט ער איר אוועק געשטופט מיטן תירוץ: ״מיין בעל הבית האט מיר געבעטן דאס און יענץ״; זיינע קינדער האט ער נישט, ווייל ווען זיי פלעגן וועלן רעדן מיט זייער טאטע וכו׳ האט ער אייביג געהאט גוטע תירוצים אז ער דארף לויפן צו זיין ארבעט, זיין בעל הבית האט אים געבעטן א טובה וכו׳, און יעצט ווען דער בעל הבית האט אים ארויס געשטויסן, זעט ער זיך איינער אליין.

דערפאר דארף מען געדענקן ווען מען גייט ארבעטן, אז מען גייט ארבעטן פשוט צו ברענגען פרנסה אזוי ווי חז״ל זאגן (ספרי דברים, פרק טו, פיסקא קנח) אויפן פסוק (מלשון הכתוב דברים טו, יח): ״וּבֵרַכְתִּיךָ בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה, יָכוֹל יְהִי יוֹשֵׁב וּבָטֵל? תַּלְמוּד לוֹמַר בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה״, מען דארף ארבעטן, אבער מען דארף געדענקען אז דער אייבערשטער איז דער וואס געבט די פרנסה.

מוהרא״ש האט דערציילט, אז א איד איז אמאל געקומען צום הייליגן חפץ חיים, און ער האט זייער געוויינט: ״רבי, מיין פרנסה געבער איז געשטארבן״; דער איד האט פארמאגט א קו און ער פלעגט מעלקן דאס קו און פארקויפן די מילך, פון דעם האט ער געהאט פרנסה, איין צופרי קומט ער אריין אין שטאל, און טרעפט זיין קו טויט;

דער חפץ חיים האט אים געוואלט בארואיגן, אבער דער איד וויינט און שרייט אז ער גייט שוין שטארבן פאר הונגער, ווייל ער האט מער נישט קיין פרנסה, זאגט אים דער חפץ חיים זכרונו לברכה: "דיין פרנסה געבער איז דער אייבערשטער, און ער וועט דיר ווייטער געבן פרנסה, חס ושלום צו טראכטן אז דיין פרנסה איז געקומען פון א קו, נאר די וועג ווי אזוי דו האסט געהאט פרנסה איז געווען דורך די קו, און יעצט וועט קומען דיין פרנסה דורך אן אנדערע וועג".

די מעשה זאלסטו גוט אריינעמען אין זיך; דו זאלסט זיך נישט איינרעדן פאר איין מינוט אז דיין פרנסה קומט פון די ארבעט, און אויב דו וועסט פארלירן די ארבעט וועסטו אויסגיין פאר הונגער וכו', אדער אנדערע מחשבות וואס קומען אריין אינעם מענטש: 'וואס וועט זיין?' 'ווי אזוי וועל איך האבן געלט?' נאר א מענטש דארף זיך פארלאזן אויפן אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט זיך שוין זיינע וועגן ווי אזוי ער העלפט דעם מענטש.

א אינגערמאן וואס קומט ארויף דאווענען אין ישיבה, זאגט מיר פאריאר אז ער וויל זייער שטארק קומען אויף אומאן, אבער דער בעל הבית וואו ער ארבעט זאגט אים אז אויב ער פארט אויף אומאן וועט ער פארלירן זיין דזשאב, און ער פרעגט מיר וואס ער זאל טון; איך האב אים געזאגט אז ער זאל קומען קיין אומאן. למעשה איז ער נישט געקומען קיין אומאן - ער האט נישט געקענטביישטיין דעם נסיון; וואס מיינסטו? אפאר וואכן נאך סוכות זאגט ער מיר אז זיין בעל הבית האט געטראפן א צווייטן אינגערמאן וואס טויג אים בעסער, און ער איז געבליבן אן א פרנסה. דער אינגערמאן איז געווען אזוי פארשעמט, ווייל ער האט אוועק געגעבן זיין ראש השנה, זיין רבי, זיין אידישקייט, און זיין התחזקות פאר דעם בעל הבית, און יעצט האט ער גארנישט.

דו בעטסט מיר אן עצה צו האבן כח ממשיך זיין צו ארבעטן אויף א פלאץ נאכדעם וואס דו זעסט אז דיינע בעלי בתים זוכן דיר צו באגראבן; קוק אריין אין מדרש רבה (פרשת וישב) ווי אזוי יוסף הצדיק האט זיך געקענט אויס קומען מיט זיין בעל הבית

פוטיפר, עד כדי כך אז (בראשית לט, ב): "וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ", ער האט געזען אז דער אייבערשטער איז מיט אים, זאגן חכמינו זכרונם לברכה (שם פו, ה) אז יוסף הצדיק ווען ער פלעגט באדינען זיין האר, פלעגט ער רעדן צום אייבערשטן, און שטענדיג האבן זיך זיינע ליפן געשאקלט; ביז פוטיפר האט אים איינמאל געפרעגט: "זאג מיר, וואס שאקעלסטו מיט דיינע ליפן, דו מאכסט כישוף?!" האט אים יוסף הצדיק געענטפערט: "ניין, איך איך בין נישט קיין כישוף מאכער, נאר איך האב א גרויסע באשעפער, וואס איך בעט אים אז איך זאל נושא חן זיין אין דיינע אויגן".

זעט מען אז מיט תפילה קען מען באקומען חן אין יעדעמס אויגן, אפילו אין די אויגן פון פוטיפר, וואס ער איז געווען זייער א שמוציגער מענטש וכו'.

שטארק דיר, און דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**שאלה**

I started derech halimud a while ago, and I'm about to finish for the FIRST TIME misnayes. Now I have 2 things to discuss with the rosh yeshiva.

first of all I'm not saying that I was the biggest masmid, but I felt like I enjoyed learning, understanding the concepts how the the question was answerd; and with derech halimud I feel like I'm accomplishing in terms of finishing but not in terms of connecting to it and enjoying it.

2, I really get a lot of chizuk and would want to go to uman to the rebbe for rosh hashono, but all my wife knows that it's a crazy place and radicle pepole, and she would never let me go and as much as I tried to talk to her
~~~~~~~~~~

about it nothing doing and I’m sure don’t want to lose my wife in the process, if you can give me some advice.Thanks a million for everything you have done for me through the shiurim

Marc

[איבערגעטייטשט:

א שטיק צייט צוריק האב איך אנגעהויבן צו לערנען אויפן סדר דרך הלימוד, און איך גיי שוין יעצט ענדיגן די ערשטע מאל אין מיין לעבן ששה סדרי משנה!

איך האב צוויי זאכן וואס איך וויל אויסשמועסן מיט די ראש ישיבה.

איך וועל נישט זאגן אז איך בין געווען דער גרויסער מתמיד, אבער איך פלעג הנאה האבן און שפירן א געשמאק צו לערנען, עס איז מיר געווען געשמאק צו פארשטיין די מושגים ווי אזוי א קשיא איז פארענטפערט געווארן, אבער יעצט מיטן לערנען אויפן דרך הלימוד קום איך טאקע אן אסאך, אבער איך שפיר נישט ווי איך בין מחובר צו וואס איך לערן, און אז איך האב הנאה פון דאס לערנען.

איך שעפ אסאך חיזוק פון די ראש ישיבה, און איך וואלט זייער שטארק געוואלט פארן אויף אומאן צו זיין ביים רבי'ן ראש השנה, אבער מיין ווייב איז נישט מסכים; אלעס וואס זי ווייסט וועגן ברסלב איז, אז דאס איז א משוגענע פלאץ און ראדיקאלע מענטשן, און זי וויל נישט איך זאל פארן. וויפיל איך האב שוין פראבירט צו רעדן צו איר וועגן דעם, האט זיך נאך גארנישט גערוקט, און צו פארלירן מיין ווייב וועגן דעם איז זיכער נישט קיין אפציע; וואלט איך געוואלט בעטן די ראש ישיבה א עצה אויף דעם.

איך קען מיך נישט גענוג באדאנקען פאר די ראש ישיבה, פאר אלעס וואס איך האב באקומען דורך אייערע שיעורים].

**תשובה**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת ראה, כ״א מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד האברך מארק נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו שרייבסט מיר אז ווען דו לערנסט און דו פארשטייסט וואס דו לערנסט שפירסטו א געשמאק אין לערנען, מה-שאין-כן ווען דו זאגטס אויפן סדר דרך הלימוד פון רבי׳ן, שפירסטו נאך נישט קיין געשמאק; דו דארפסט נישט אפלאזן דיינע אלטע שיעורים, אדרבה - זע צו לערנען ווייטער דיינע שיעורים, דער רבי זאגט (שיחות הר״ן סימן עו): ״גַּם צְרִיכִין לִלְמֹד אֵיזֶה שִׁעוּר בַּיּוֹם, בִּקְצָת עִיּוּן״, א מענטש זאל אויך האבן א שיעור צו לערנען בעיון אביסל יעדן טאג; דער עיקר זאלסטו זען צו לערנען אסאך פרקים משניות, און אסאך דפים גמרא - אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט, און במשך הימים וועסטו זוכה זיין צו שפירן א טעם אין די הייליגע תורה, און דיין קאפ וועט זיך דיר עפענען און דו וועסט אנהייבן צו פארשטיין אלעס וואס די לערנסט.

בנוגע וואס דו פרעגסט וועגן דיין ווייב, אז זי קוקט אן ברסלב ווי א פלאץ פון מטורפים וכו׳; ליידער ביסטו נישט דער איינציגסטער וואס גייט אריבער דעם פראבלעם, נאר זייער אסאך אינגעלייט און בחורים גייען אריבער דאס זעלבע וואס דו גייסט אריבער, זיי ווילן קומען צום רבי׳ן אויף ראש השנה, אבער זייערע עלטערן און זייער ווייב שטעלן זיך אנקעגן, ווייל זיי האבן געהערט לשון הרע אויפן הייליגן רבי׳ן.

געב אכטונג זיך נישט צו קריגן מיט דיין ווייב, און אויב דו וועסט יעדן טאג בעטן דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זוכה זיין צו קומען אויף ראש השנה קיין אומאן וועסטו זען אז עס וועט געשען א נס און אלעס וועט זיך איבערדרייען לטובה, נישט נאר וועט דיר דיין ווייב לאזן גיין קיין אומאן, נאר זי וועט דיר טרייבן, זי וועט דיר קויפן א מתנה א טיקעט אז דו זאלסט פארן קיין אומאן.

איך האב שוין געזען גרויסע וואונדער ביי מיינע תלמידים - סיי בחורים און סיי אינגעלייט, ווי זיי האבן אסאך מתפלל געווען אויף דעם ענין, זיי פלעגן יעדן טאג זיך

אויסגיסן זייער הארץ צום אייבערשטן אז זיי ווילן גיין קיין אומאן צום רבי'ן צו פארעכטן זייערע מעשים, און זוכה זיין צו האבן א תיקון אויף זייערע מעשים וכו', און דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן אז זיי האבן זוכה געווען צו קומען.

דו זאלסט זען צו זיין א וואוילער מאן, דו זאלסט זיך קיינמאל נישט קריגן מיט דיין ווייב; דער רבי האט זייער מקפיד געווען אז מען זאל האבן שלום בית, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן רסד) אז מען דארף זייער שטארק אכטונג געבן צו מכבד זיין די ווייב; און דו וועסט זען אז דער אייבערשטער וועט דיר העלפן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**שאלה**

שלום וברכה מיין טייערע ראש ישיבה,

איך האב נישט די ווערטער ארויסצובריינגען די דאנק געפילן וואס ס'איז דא פאר'ן ראש ישיבה. נאכ'ן שיעור גיי איך צו זאגן ש'כח אזוי ווי יעדער, אבער איך פיל אז דאס איז זייער זייער ווייט פון געהעריג, מיין שאלה איז ווי אזוי קען מען ארויסווייזן די הכרת הטוב, דער ראש ישיבה געבט אונז לעבן, ער געבט פאר אונז שלום בית, ער איז זיך מבזה פאר מיר, ער טוט אלעס פאר זיינע תלמידים, ווי אזוי קען איך ארויסווייזן הכרת הטוב?

היות איך האב עס נישט וועמען צו פרעגן, פרעג איך עס פונעם ראש ישיבה. און איך בעט דעם ראש ישיבה אנטשולדיגונג פאר'ן פרעגן אזא שאלה.

א גרויסן יישר כח

יואל
~~~~~~~~~~~

## תשובה

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ראה, כ"א מנחם-אב, שנת תשע"ז לפרט קטן

**לכבוד האברך יואל נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט זייער אסאך רעדן פון הכרת הטוב; אז א מענטש זאל שטענדיג האבן הכרת הטוב פאר איינעם וואס האט דיר געטון א טובה, בפרט פאר א רבי וואס האט אלעס אוועק געלייגט אין דער זייט, אבי אז נאך א איד זאל האבן א גוט לעבן, און נאך א איד זאל וויסן אז ער קען אויך לערנען די הייליגע תורה.

שלמה המלך זאגט (משלי יז, יג): "מֵשִׁיב רָעָה תַּחַת טוֹבָה, לֹא תָמוּשׁ רָעָה מִבֵּיתוֹ", ווער עס באצאלט צוריק שלעכטס פאר איינעם וואס האט אים געטון גוטס, זאל זיך נישט אפטון דאס שלעכטס פון אים; ווייל עס איז נישט דא קיין ערגערע מידה פון זיין א כפוי טובה, און א מענטש וואס איז א כפוי טובה, ווייזט עס, אז דער מענטש האט אין זיך אלע שלעכטע מידות; דערפאר דארף מען זייער אכטונג געבן קיינמאל נישט צו רעדן שלעכטס אויף א מענטש וואס האט דיר א טובה געטון, אויף קיינעם טאר מען נישט רעדן שלעכטס, אבער אז מען רעדט שלעכטס אויף איינעם וואס האט דיר געהאלפן, בפרט א רבי וואס האט זיך אינגאנצן אוועק געגעבן זיין לעבן, זיין משפחה, זיינע קינדער און זיין נאמען וכו' וכו', אלעס - נאר אז דו זאלסט האבן א גוט לעבן; דו זאלסט וויסן ווי אזוי מען לעבט אין שטוב מיט א ווייב און קינדער; ער האט פארלוירן זיין נאמען אלעס נאר פאר דיר - אויף אזא איינעם טאר מען נישט רעדן קיין שלעכטס.

ווען איינער בעט מיר אז איך זאל אים דערציילן מופתים פון מוהרא"ש זכרונו לברכה וכו'; דערצייל איך וואס עס איז ביי מיר דער גרעסטער מופת, און דאס גרעסטע צדקות, אז א מענטש זאל שטיין און רעדן מיט מענטשן איבער פופציג יאר, בשעת די אלע מענטשן וואס ער האט געהאלפן - רובם ככולם, זענען געווארן זיינע גרעסטע

מתנגדים; אלע גרויסע מנהיגים - סיי אין ברסלב און סיי אין דער וועלט, אלע האבן געגומען חיזוק פון דעם צדיק, און געגרעדט האבן זיי אלע אויף אים מיט די ערגסטע לשונות, און פלא על גבי פלא, וַיִּפְנוּ מִשָּׁם הָאֲנָשִׁים - וַיֵּלְכוּ סְדֹמָה, וּמוהרא"ש עוֹדֶנּוּ עֹמֵד לִפְנֵי ה'...

דאס איז די מעלה פון א צדיק, אז וויפיל מען רעדט אויף אים, און וויפיל מען שפייט אויף אים, איז ער ביי זיך אזוי בטל, אז ער גייט ווייטער אן מיט זיין הייליגע ארבעט צו פארשפרייטן דעם אייבערשטן אויף דער וועלט.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב' סימן עב) אז א מענטש דארף זיך צוגעוואוינען זיין אזוי ווי דער ערד; דער ערד ווערט נישט ברוגז אויף מענטשן ווען מען טרעט אויף אים, מען שפייט אויף אים, און מעןווארפט מיסט אויף אים וכו' וכו', דער ערד געבט ווייטער ארויס אלע גוטע פרוכט און אלע מענטשליכע באדערפענישן, אזוי אויך דארף א מענטש זיין א גוטער און א געבער, אפילו מען שפייט אויף אים, און אפילו מען רעדט אויף אים, זאל ער ווייטער זיין גוט צו יעדן איינעם.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**שאלה**

לכבוד דער חשובער ראש ישיבה,

צום ערשט וויל איך דאנקען דעם אייבערשטן אז איך מיט מיין מאן האבן אנגעהויבן צו הערן די שיעורים פונעם ראש ישיבה, און דאס האט ממש געטוישט אונזער לעבן צום גוטן.

עס קומט יעצט ראש השנה, און איך ווייס נישט וואס צו טון. מיין מאן וויל פארן אויף אומאן, אבער איך דארף האבן וכו' צוויי וואכן נאך ראש השנה, און איך האב מורא צו בלייבן
~~~~~~~~~~

אליין ראש השנה. איך וויל וויסן אויב דאס וואס דער רבי האט געזאגט אז מען זאל קומען צו אים אויף ראש השנה אפילו מיט מסירת נפש, איז אין דעם אויך אריינגערעכנט אזא מצב?

פון די אנדערע זייט וויל איך יא אז מיין מאן זאל פארן אויף אומאן און אויס'פועל'ן פאר אונז א גוט געבענטשט יאר, און איך וויס אז ס'קומט זיך אים צו פארן, ער איז דער בעסטער מאן א גאנץ יאר, ער פירט זיך אויף א גאנץ יאר אזוי גוט צו מיר.

איך וויס אליין נישט וואס צו טון, און איך האף אז דער ראש ישיבה וועט מיר געבן אן עצה.

**תשובה**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת ראה, כ״ג מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב היינט געשריבן א בריוו פאר דיין מאן אז ער זאל נישט קומען דאס יאר אויף ראש השנה קיין אומאן היות דו דארפסט האבן גלייך נאך ראש השנה וכו׳.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אלעס זאל אריבער גיין גרינגערהייט און געזונטערהייט; דער עיקר זאלסטו זיין רואיג און שטארק ביי דיר אז דער אייבערשטער איז מיט דיר, און ער וועט דיר העלפן מיט אלסדינג. ווען א מענטש לעבט מיט אמונה קען מען מער דערהייבן, ווייל מען טראגט נישט קיין דאגות, נאר מען לייגט אראפ אלע דאגות אויפן אייבערשטן; ווען מענטשן וואלטן ווען געלעבט מיט אמונה, געאטעמט אמונה, וואלט געווען וויניגער פראבלעמען מיט נערוון, ווייל אלע מחלות וואס מענטשן ליידן גייסטיש - קומט מחמת חסרון אמונה.

דעם זונטאג האב איך געהאט א פארקערטע מעשה, א מאן און ווייב זענען געקומען באזוכן זייערע קינדער דא אין קעמפ, זענען זיי אויך געקומען צו מיר זיך באדאנקען; אזוי רעדנדיג זאגט מיר דער אינגערמאן: ״דאס יאר קום איך נישט קיין אומאן אויף ראש השנה, ווייל מיין ווייב דארף האבן וכו׳ גלייך נאך ראש השנה״, און

זיין ווייב רופט זיך אן הויך: ״ניין, דו פארסט יא צום הייליגן רבי׳ן, איך דארף ישועות!״ און זי הייבט אן וויינען, זי זאגט: ״א גאנץ יאר ווארט איך שוין אז מיין מאן זאל פארן צום רבי׳ן אהיים ברענגען ישועות״, האט איר דער מאן געפרעגט: ״וואס וועסטו טון אויב דו דארפסט אריין גיין אין שפיטאל יום טוב, מיט ווער ווסטו גיין?״ האט זי געזאגט: ״איך וועל מיך שוין אן עצה געבן, איך וויל נישט אז דו זאלסט פארפאסן א ראש השנה ביים הייליגן רבי׳ן״.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אלעס זאל דיר אנקומען גרינגערהייט.

זאלסט האבן א כתיבה וחתימה טובה.

...

~~~~~~~~~~

**שאלה**

בס בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת ראה, כ"ג מנחם-אב, שנת תשע"ז לפרט קטן

In very very short, I need help

All my life I had cystic fibrosis / genetic, Damage to the lungs and pancreas, Got married - long separate story. Had a baby girl b"h and she is my only one. And she took up most of my heart. She was my life. The reason I wanted to live!

I had a double lung transplant at the age of 37. A kidney transplant at 43 and my husband left and took my only child 8 months after my lung transplant. Not just from me but from my parents who took care of her in every way. And from my family who were always there for her. Everything was doing so good, He brainwashed and manipulated her. She was 17 years old, But he had / has a tremendous.כח הדיבור /
~~~~~~~~~~

I didn't see her for over a year, but after trying everything, I bh started seeing her.

I was Bh zoicha to marry her off (with my parents help) and then again she stopped talking to me and my family. She bh just had her second baby and I / my family were not called about anything. I didn't / don't see my einiklach and it's hurting me tremendously. I read books on Emunah and listen to lectures etc. and it helps me let go and go on. But when things come up, like a new einikel, my son in law is in someways worse than my ex. Yes, they just want to bother my life so I shouldn't have menicha. I have so much to do in regard to staying healthy and it's not easy. I really can't handle this nisoyoin. It's bigger then my health issue Bec I accepted it for what it is. And if I'm feeling good bh then I don't look back at all my surgeries and hardships because those are over. But taking away a child from a parent is a forever heartache. It's rishis.

I know I'm supposed to accept it as a challenge from הקב"ה, But a mothers heart is a mothers heart and I fought to live to see nachas. My sister u"h was also zoicheh to have a child but she was nifter at 31. So honestly I think she's in a much better place. I want to be able to do what Hashem wants from me but lately I feel like it's just not worth living. I know I have a lot to be thankful for and I know there are people that have it a lot worse. But how do I go on if all that I was living for is gone???

**[איבערגעטייטש:**

ארויסצוברענגען מיין מצב אין קורצן – איך דארף הילף!

פון ווען איך בין געבוירן לייד איך אויף עטליכע שווערע גענעטישע מחלות, איך האב חתונה געהאט – דא איז אן עקסטערע פארצווייגטע פרשה...

איך בין ברוך השם געבענטש געווארן מיט איין קינד, מיין איינציגע טאכטער, וואס איך האב מיך איבערגעגעבן פאר איר מיט מיין גאנצע הארץ, און זי האט געמאכט איך זאל וועלן לעבן.

ביי די זיבן און דרייסיג יאר האט מען מיר געמאכט א טאפלטע לונגען טרענספלענט, און א קידני טרענספלענט ביי די צוויי און פערציג יאר.

אכט חדשים נאך מיין לונג טרענספלענט האט מיך מיין מאן איבערגעלאזט, און ער האט מיטגענומען מיט זיך מיין איינציגע טאכטער, און נישט נאר ער האט איר אוועקגענומען פון מיר, אבער נאך מער פון דעם, פון מיינע עלטערן וואס האבן זיך געפארעט מיט איר און איר פארזארגט מיט אלע אירע געברויכן, און אזוי אויך פון מיין פאמיליע וואס זענען אלעמאל געשטאנען גרייט איר צו העלפן מיט וואס זי האט נאר געדארפט. און אלעס איז געווען אזוי רואיג און פיין.

מיין מאן האט א מורא'דיגן כח הדיבור און ער האט באוויזן איבער צו רעדן מיין טאכטער און איר פארכאפן אז זי זאל אפהאקן מיט מיר, אפילו שוין זייענדיג אן ערוואקסענעם מיידל פון זיבעצן יאר, און איך האב איר נישט געזען פאר א יאר צייט, אבער ברוך השם נאכן פרובירן אלע מעגליכקייטן, האב איך צוריק אנגעהויבן איר צו קענען זען.

מיט מיינע עלטערנס הילף האב איך זוכה געווען צו חתונה מאכן מיין טאכטער ברוך השם, און נאך איר חתונה האט זי ווייטער מער נישט געוואלט רעדן צו מיר, און צו מיין משפחה; זי האט ברוך השם נישט לאנג צוריק געהאט איר צווייטע קינד, און זי האט דאס נישט מודיע געווען פאר מיר און פאר מיין משפחה, איך האב נאכנישט געזען און איך האב בכלל נישט קיין צוטריט צו זען מיינע אייניקלעך, און דאס טוט מיר זייער וויי.

איך ליין ספרים אויף אמונה און אזוי אויך הער איך שיעורים פון אמונה, און דאס העלפט מיר אנצוגיין מיטן לעבן, אבער ווען עס קומען אונטער געוויסע זאכן, ווי למשל אז עס ווערט מיר געבוירן א פרישער אייניקל, פירט זיך מיין איידעם אויף צו מיר נאך ערגער ווי מיין גע'גט'ער

מאן, עס זעט מיר אויס אז זיי האבן איין ציל, צו טשעפען מיין לעבן איך זאל נישט האבן קיין מנוחה.

איך דארף זייער אסאך טון זיך צו האלטן געזונט, און ס'קומט מיר נישט אן גרינג, אבער דעם נסיון איז מיר אוממעגליך דורכצוטראגן, און דאס איז מיר נאך שווערער ווי מיינע געזונטהייט פראבלעמען, ווייל מיינע געזונטהייט קאמפליקאציעס נעם איך אן אזוי ווי עס איז, און אז איך שפיר מיך גוט ברוך השם, קוק איך נישט צוריק אויף מיינע פילע אפעראציעס און שוועריקייטן, ווייל וואס איז געווען איז געווען, אבער אוועקנעמען א קינד פון א מאמע איז אן אייביגער און שטענדיגער ווייטאג, און איז א רשעות.

איך ווייס אז איך דארף דאס אננעמען ווי א נסיון פונעם אייבערשטן, אבער א מאמעס הארץ איז א מאמעס הארץ, און איך האב זיך אזוי פיל געשלאגן און געמוטשעט צו בלייבן לעבן, ווייל איך האב געוואלט זען נחת.

מיין שוועסטער עליה השלום האט אויך זוכה געווען צו האבן א קינד, אבער זי איז נפטר געווארן ביי די איין און דרייסיג יאר; און ערנסט גערעדט מיין איך אז זי געפונט זיך אין פיל א בעסערע פלאץ ווי איך.

איך וויל טון וואס דער אייבערשטער וויל איך זאל טון, אבער לעצטנס שפיר איך אז עס מיר נישט ווערט צו לעבן; הגם איך ווייס אז איך האב אסאך אויף וואס צו דאנקען דעם אייבערשטן, און איך ווייס אז עס זענען דא מענטשן וואס מאכן מיט אסאך ערגער, אבער ווי אזוי קען איך אנגיין אין דער צייט וואס אלעס פאר וואס איך האב געוואלט לעבן איז נישטא מער?!]

**תשובה**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת ראה, כ״ג מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד האשה ... תחי׳.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואס זאל איך דיר זאגן, איך האב געליינט דיין בריוו און איך האב זייער שטארק געוויינט פון דיין צער וואס דו גייסט אריבער, אבער איך מוז דיר זאגן אז איך בין זייער נתפעל און איך קען נישט קומען צו זיך פון דיין שטארקייט; וויפיל דו ביסט שוין אריבער און וואס דו גייסט נאך אלץ אריבער, דאך ביסטו שטארק מיט אמונה, אזוי ווי דו שרייבסט אז דיין גאנצע לעבן איז אמונה, און נאר אזוי דערהאלסטו זיך.

בנוגע וואס דו שרייבסט מיר אז דיין טאכטער מיט דיין איידעם רעדן נישט מיט דיר, און דו קענסט נישט זען דיינע אייניקלעך וכו׳; וואס זאל איך דיר זאגן, עס איז אן עקל צו הערן אז קינדער פירן זיך אויף צו זייערע עלטערן מיט אזא אכזריות וכו׳, קינדער ווייסן נישט וואס עלטערן זענען, זיי ווייסן נישט מעריך צו זיין וואס עלטערן זענען וכו׳, אזוי ווי עס איז באקאנט דעם שפריך ווארט: ״איין מאמע קען אויפציען צען קינדער, און צען קינדער קענען נישט אויסהאלטן איין מאמע״.

די הייליגע תורה זאגט (שמות כ, יא): ״כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ, וְאֶת אִמֶּךָ, לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ, עַל הָאֲדָמָה, אֲשֶׁר ה׳ אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לָךְ״; א שאד אז מען לערנט נישט אין אלע היימישע תלמוד תורה׳ס און אין מיידל סקול׳ס די מצוה פון כיבוד אב ואם, וואס דאס איז חמורה שבחמורות (ירושלמי פאה א, א).

מען זעט ווי די הייליגע חכמים האבן זיך מוסר נפש געווען אויף די מצוה, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה פארציילן (ירושלמי, שם) אז ר׳ טרפון, ווען ער פלעגט זען ווי זיין מאמע גייט שבת שפאצירן אין איר חצר, פלעגט ער זיך אראפ לייגן אויף דער ערד, און לייגן זיינע הענט, און איר זאגן: ״מאמע, טרעט אויף מיר״, און אזוי איז ער געגאנגען מיט איר ביז זי איז אנגעקומען צו איר בעט. איינמאל איז ר׳ טרפון געווארן נישט געזונט לא עלינו, האט זיין מאמע געבעטן די חכמים אז זיי זאלן מתפלל זיין פאר אים, ווייל ער איז איר מכבד מער וויפיל מען דארף, האבן זיי איר געפרעגט וואס ער טוט, האט זי זיי פארציילט אז ער לייגט אונטער זיינע הענט אז זי זאל קענען גיין וכו׳, האבן די חכמים געזאגט: ״אפילו ער זאל דיר טון טויזענט מאל טויזענט אזוי ווי

ער טוט דיר יעצט, האט ער נאך נישט מקיים געווען די מצווה אזוי ווי עס דארף צו זיין". זעט מען פון דעם אז קיינער קען נישט זאגן אז ער איז מכבד זיינע עלטערן וויפיל מען דארף.

דערפאר בעט איך דיר זייער שטארק אז דו זאלסט זיך נישט נעמען צום הארצן, איך ווייס אז עס איז זייער שווער, און די ווייטאג פון דעם איז שרעקליך שטארק, דאך דארפסטו אנהייבן צו לעבן א לעבן פאר דיר, אפילו דו ביסט איינער אליין אויף דער וועלט און דו האסט נישט קיינעם, דו האסט נאר דיין איינציגסטע טאכטער מיט אירע קינדער, און עס טוט דיר זייער וויי אז זי וויל נישט רעדן מיט דיר, דאך דארפסטו פרובירן מיט אלע דיינע כוחות צו לעבן פאר דיר; ווארט נישט אז זי זאל דיר באצאלן פאר אלעס וואס דו האסט זיך מוסר נפש געווען פאר דיר, ווייל אזוי גייט דאס לעבן - עלטערן זענען זיך מוסר נפש פאר זייערע קינדער, און קינדער כאפן נישט וואס עלטערן זענען, ווי לאנג זיי אליין וועלן דאס נישט אליין אריבער גיין פון זייערע קינדער.

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט שטענדיג זאגן: "ווי אזוי מען פירט זיך אויף צו די טאטע מאמע, אזוי וועלן די קינדער זיך אויף פירן צוריק צו ענק", און מוהרא"ש זכרונו לברכה האט מיר געבעטן אז איך זאל רעדן יעדן טאג צו די בחורים פון די מצוה פון כיבוד אב ואם, און איך זאל זיי זאגן בזה הלשון: "ווי אזוי ענק וועלן זיך אויפירן צו ענקערע עלטערן, אזוי וועלן זיך ענקערע קינדער פירן מיט ענק".

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**שאלה**

שלום וברכה,
~~~~~~~~~~

איך בין א ברסלבער בחור פון ארץ ישראל, און איך לערן אין א ברסלבער ישיבה, מיר הערן אויס אסאך פון אייערע שיעורים, און די פשיטות און תמימות אין דברי רביז"ל איז אונז זייער מחזק און מעורר צו זיך מחדש זיין אין רבינ'ס זאך כפשוטו, אן חכמות און גרויסע "עבודות".

עס שטערט אונז זייער שטארק די נקודה וואס אין די שיעורים - וואס אלע הערן אויס אין די גאנצע וועלט - רעדט איר אריין אנטקעגן אנדערע ברסלבער חסידים אזוי בפרהסיה, עס איז נישט כבוד פאר דער רבי!

אויך אויב עס איז דא ברלסבער חסידים וואס פירן זיך אנדערש ווי מוהרא"ש האט פארשטאנען, האבן זיי אויך א שטארקער רצון צו מקיים זיין דער רבינ'ס עצות.

דער רבי האט געזאגט "רק תחזיקו עצמכם ביחד אז תהיו אנשים כשרים", פארוואס דארף מען רעדן קעגן אנדערע ברסלבער חסידים, און נאך בפרהסיה?

שלומי

**תשובה**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת ראה, כ״ד מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד הבחור שלמה נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דאס וואס דו פרעגסט מיר פארוואס איך מאך אוועק אנדערע ברסלב׳ער וכו׳, היתכן, דער רבי האט דאך געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן ריח) פאר דעם לעצטן ראש השנה, ווען אנשי שלומינו האבן געקרעכצט, און געפרעגט דעם רבי׳ן: ״אויף וועם לאזט אונז דער רבי איבער״, האט דער רבי געענטפערט: ״רַק אַתֶּם תַּחֲזִיקוּ עַצְמְכֶם בְּיַחַד, אָז תִּהְיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים. וְלֹא כְּשֵׁרִים בִּלְבַד, אֶלָּא אֲפִילּוּ צַדִּיקִים וְטוֹבִים תִּהְיוּ״, אויב איר וועט זיך האלטן צוזאמען, וועט איר זיין ערליכע אידן, און נישט נאר ערליכע

אידן, נאר גרויסע צדיקים וכו'. און אויף דעם פרעגסטו מיר פארוואס איך מאך אוועק אנדערע ברסלב'ער אידן; איך מוז דיר זאגן אז דאס איז פאר מיר זייער א חשוב'ע שאלה אויסצושמועסן, ווייל זייער אסאך פרעגן מיר דאס - פארוואס איך מאך אוועק אנדערע ברסלב'ער חסידים.

געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען צו מקורב ווערן צום הייליגן רבי'ן דורך מוהרא"ש זכר צדיק לברכה, און וויפיל איך זאל נאר דאנקען דעם אייבערשטן, איז נישט דא געננוג לויב ווערטער צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף דעם, ווייל ווען מען איז זוכה מקורב ווערן צום רבי'ן באקומט מען א נייעם שכל, א ריינער קאפ, און א לויטערן מח; מען לעבט מיטן אייבערשטן, מען לעבט מיט תכלית - מען ווייסט אז איין טאג וועלן מיר דארפן אוועק גיין פון דער וועלט, מען וועט זיין א גוסס און א נפטר, און דעמאלט וועט גארנישט איבער בלייבן פון אונז, נאר דאס ביסל תורה ותפילה וואס מיר האבן זוכה געווען אריין צו כאפן יעדן טאג.

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט דאס אריין פרעגלען אין אונז יעדע וואך ביים שיעור, און דאס שטייט אין אלע זיינע הייליגע ספרים; אז א מענטש זאל וויסן אז ער האט נישט קיינעם אויף דער וועלט - נאר דעם אייבערשטן! און ווי מער מען רעדט צום אייבערשטן ווערט מען מער און מער נענטער צו אים, און דאס וועלן מיר מיט נעמען אויף יענע וועלט; אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו רבה, פרק טו): "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ".

מוהרא"ש האט דערציילט, אז ווען ער האט געכאפט זיין הארץ אטאקע לא עלינו, איז ער געזיצן אונטן אין זיין צימער, שפעט ביינאכט, און ער האט געשפירט ווי ער קען נישט אטעמען (אזוי ווי מען שפירט ווען מען כאפט אן הארץ אטאקע); ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון און וועם צו רופן, "אבער איין זאך האב איך געהאט - תפילה! איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נאך קענען ארויף גיין אין שטוב, אז מען זאל זען ווי איך ווער נפטר, און נישט בלייבן דא איינגעשפארט אליין,

דעמאלט האב איך געזען - האט מוהרא"ש געזאגט - פשט אין דעם חז"ל, אז נאר דאס נעמט א מענטש מיט לבית עולמו".

אזוי אויך איז מיט תורה; דער רבי האט אונז געגעבן א סדר דרך הלימוד (שיחות הר"ן, סימן עו), א גרינגע געשמאקע וועג צו לערנען און צו מצליח זיין אין תורה - אז מען זאל לערנען שנעל, און נישט בלייבן שטיין אויף איין פלאץ ווען מען זעט אז מען פארשטייט נישט, נאר מען זאל ווייטער לערנען, און במשך הזמן ווען דער מענטש וועט עס איבערגיין נאכאמאל און נאכאמאל וועט מען עס זוכה זיין צו קענען גוט; ווען א מענטש געוואוינט זיך צו אזוי צו לערנען, ער ווארפט אוועק זיין שכל, און ער פאלגט דעם רבי'ן, איז ער זוכה ביז א קורצע צייט צו ענדיגן כל התורה כולה.

ווען איך בין מקורב געווארן אין היכל הקודש האט זיך מיר געעפענט א נייער וועלט, איך האב אנגעפאנגען צו לעבן מיטן אייבערשטן, איך פלעג גיין יעדע וואך צום שיעור ליל שישי, מוהרא"ש פלעגט אנהייבן מיט די וואכעדיגע סדרה און אריין געפלאכטן די פרשת השבוע מיט דעם רבינ'ס הקדמות, און אריין געברענגט אין אלעמען אזא גילוי אלוקות, אז אלע האבן מיר זיך געשפירט ווי מיר זענען נישט דא בזה העולם, יעדער האט פארגעסן פון זיינע צרות; אפילו מען איז געקומען צעבראכן - יעדער מיט זיינע איבערגייעכטס, אבער נאכן שיעור זענען מיר אלע געוועז פרייליך מיט א שטארקע אמונה.

ויבוא השטן - מען האט אנגעפאנגן צו רעדן צו מיר אנקעגן מוהרא"ש פון אלע זייטן, פלוצלינג האב איך באקומען חברים, פלוצלינג האב איך באקומען משפחה, יעדער איינער האט געהאט עפעס וואס צו זאגן פארוואס איך זאל אוועק גיין פון מוהרא"ש זכרונו לברכה, און דער עיקר האט מען גערעדט צו מיר אויף מוהרא"ש בשם די "זקנים" פון ברסלב, אז זיי אליין זאגן אויף אים אז דאס איז נישט ברסלב וכו' וכו'; איך בין געווארן אינגאנצן צעטומלט און מבולבל, ווייל פון איין זייט האב איך געוואוסט ביי מיר אז עס קען נישט זיין אמת די אלע לשון הרע'ס, ווייל איך קוק אויף מיר און איך זע אז עס איז אריבער א יאר וואס איך דריי זיך אין היכל הקודש, און

אלעס האט זיך נאר געטוישט ביי מיר צום גוטן - לערנען, דאווענען, שלום בית, שמחת המצות, און בעיקר שפירן א נאנטקייט צום אייבערשטן, איך בין געוואויר געווארן אז מען קען זיין דא אויף דער וועלט, און אין דער זעלבע צייט זיין דבוק צום אייבערשטן, אבער פון דער אנדערע זייט זאגט מען מיר נאך מימרות פון זקנים פון 'אֶחְטָא' ברסלב'ער אנקעקן היכל הקודש, עד כדי כך אז עס האט געפעלט א האר אז איך זאל אלעס פארלירן.

דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן אז איך האב זיך געמאכט א חשבון, און געקוקט אויף מיר אליין; דער רבי זאגט דאך (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן סז): "וְהָעִקָּר לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ", א מענטש דארף קוקן אויף זיך, 'וואס גייט מיר אן וואס דער נאר האט געזאגט, און וואס דער טיפש האט געזאגט; אויב איך האב געטראפן א רבי וואס איז מיך מחיה און מחזק, זאלן אלע רעדן אויף אים, זאלן אלע שרייען אז מען האט נישט געהאלטן וכו', איך וועל דעם רבי'ן נישט אפלאזן'.

אז דו וועסט גוט בודק זיין אין ברסלב, וועסטו זען, אז רובם ככולם זענען מקורב געווארן דייקא דורך מוהרא"ש זכרונו לברכה אדער דורך זיינע ספרים, און אלע האבן אים איבערגעלאזט צוליב די בעלי מחלוקות ומחרחרי ריב וואס דרייען זיך אין ברסלב, און זיי פארופן זיך ברסלב'ער.

פאר דו שרייבסט מיר אז איך מאך מחלוקת, אז איך מאך אוועק ברסלב וכו', זאלסטו וויסן אז שוין פערציג יאר איז מען מבזה מוהרא"ש און אלע תלמידי היכל הקודש; מען האט געשריגן, און מען שרייט נאך אלץ, אז היכל הקודש איז נישט ברסלב נאר דאס איז אייגענע זאכן וכו'.

איך געב דיר א קליינע דוגמא; עס האט זיך געעפענט פאר יאר א ישיבה אין מאנסי - א ברסלב'ער ישיבה, זייער פיין, יגדיל תורה ויאדיר, הלואי זאלן זיין צענדליגער און הונדערטער ישיבות על שם רבינו, אבער הער וואס זיי זאגן, און וואס זייער ניגון איז; זיי שרייבן: "היסטאריע!! דער ערשטער ברסלב'ער ישיבה אין אמעריקא", איינער ברענגט מיר א בראשור פון די ישיבה, און יעדע צווייטע ווארט איז: "חסדי השם,

דער רבי קומט אן קיין אמעריקא!" "די ערשטע ברסלב'ער ישיבה אין אמעריקא!" דו ווייסט אז נאך איידער דער ראש ישיבה איז געבוירן, און נאך פאר זיין טאטע איז געבוירן האט זיך מוהרא"ש זכרונו לברכה שוין מוסר נפש געווען צו פארשפרייטן דעם רבי'ן, נישט נאר אין אמעריקא, נאר אין דער גאנצער וועלט! פופציג יאר האט מוהרא"ש געהאט א ישיבה אין בארא פארק, "ישיבה ומתיבתא היכל הקודש ברסלב", וואס איז די חוצפה צו שרייבן אז יעצט האט זיך געעפענט די ערשטע ברסלב'ער ישיבה?!

איך האב געעפענט א ישיבה אין וויליאמסבורג פאר ניין יאר צוריק - שנת תשס"ט - "ישיבה תפארת התורה ברסלב"; פרעג נישט וואס איך בין אריבער, און וואס איך גיי נאך יעצט אריבער; מען האט מיר מבזה געווען, מען האט געמאכט הפגנות אויף מיר, טאג נאך טאג, און נישט נאר אנקעגן מיר, נאר יעדע צופרי פלעגן קומען פרויען מיט גרויסע טאוולען מבזה זיין מיין ווייב און קינדער; מען האט ארויס געווארפן מיינע קינדער פון די מוסדות, מען האט מיר גערופן צו דין תורה, מען האט מיר גע'מסר'ט, יעדע שני וחמישי איז געווען די גאסן ווייס פון פאשקעווילן מיט סתם הוצאת שם רע אויף מיר (וואס אגב, איך בין קיינמאל נישט מוחל די וואס האבן אויף מיר מוצא שם רע געווען), מען האט ארויס געגעבן קונטרסים אנקעגן מיר וכו' וכו', וואס איז יעצט געשען אז דער כלומר'ישע מנהג פון ברסלב שרייבט: "ברוך שהחיינו וקימנו, אז מען איז זוכה צו עפענען דאס ערשטע ישיבה אין אמעריקא"?! פאר דו שרייבסט מיר אז איך פארשעם ברסלב, זאלסט וויסן אביסל און שפירן אביסל, וואס מען האט געטון מיט מוהרא"ש זכרונו לברכה במשך אלע יארן.

איך געב דיר נאך א דוגמא; אלע יארן האט מען געשריגן און פארשעמט ווער עס האט געדאווענט ביי מוהרא"ש אין אומאן, מען האט געזאגט אז ווער עס דאווענט ביי מוהרא"ש האט נישט יוצא געווען דעם קיבוץ הקדוש, און עס איז א שאד געווען צו קומען קיין אומאן, ווייל מען דארף דאווענען נאר אין קלויז, ווייל אזוי האט דער זקן נאכגעזאגט פון דעם טיפש וכו'. איך געדענק ווען איך בין געקומען דאס ערשטע מאל קיין אומאן אויף ראש השנה, אין יאר תשס"ו לפ"ק, פרעגט מיך איינער: "וואו האסטו

געדאווענט?" מען האט געהאלטן די ערשטע נאכט נאך מעריב - זאג איך אים: "ביי מוהרא"ש", זאגט ער מיר: "דו האסט נישט יוצא געווען די קיבוץ"; הלואי וואלט איך ווען געהאט א ראש ישיבה וואס זאל מיר אנגרייטן און חוזק מאכן פון די עכטע ברסלב'ער וואס זיי זענען פארנומען מיטן 'אני ואפסי עוד', כדי אז איך זאל מיך נישט וויסענדיג מאכן פון אים, נאר אים צוריק זאגן: "אזוי?! איך האב נישט יוצא געווען דעם קיבוץ, דו האסט נישט יוצא געווען דעם קיבוץ!" למעשה האב איך נישט געהאט א ראש ישיבה וואס זאל מיך אנגרייטן אויף דעם, איך האב נאך גארנישט געוואוסט, בין איך אוועק געגאנגען פון היכל הקודש, און געגאנגען דאווענען אין קלויז ביי דעם קיבוץ. ערשט שפעטער אינמיטן יאר טראכט איך צו מיר: "איין מינוט, וואס האב איך געטון, ווער האט מיר געברענגט צום רבי'ן? ווער האט מיר געמאכט לערנען דעם רבי'נ'ס ספרים? פארוואס זאל איך נאכגיין נאך שיחות פון זקנים וכו'?!" דעם קומענדיגן יאר האט מיר שוין קיינער נישט געקענט פארדרייען דעם קאפ.

קוק וואס איז היינט געשען מיט אלע שרייערס, אלע מאכן זיך באזונדערע מנינים; וואס איז געשען? פלוצלינג דארף מען שוין נישט דאווענען אין קלויז מיטן קיבוץ? וואס איז געשען אז מען קען שוין דאווענען באזונדער, פון דעם קענסטו זען אז דאס איז איין גרויסע בלאף וכו'.

איך קען נישט פארגעסן ווען איך בין געווען מנחם אבל זיין מוהרא"ש זכרונו לברכה, ווען ער איז געזיצן שבעה נאך זיין ברודער דער טאקיי'ער רב זכרונו לברכה, האט מיר מוהרא"ש געזאגט: "יואל, דו מיינסט אז עס שטערט מיר אז מען רעדט אויף מיר, דו מיינסט אז עס באדערט מיר; גלייב מיר, עס רירט מיר נישט ביי מיין נאגל פון מיין קליינע פינגער. נאר וואס דען, איך זיץ ביים וואסער, איך בין א לייף-גארד (מציל), איך זע קערפער דערטרענקן זיך, ווארף איך אויס מיינע שטריק זיי צו ראטעווען, קומט איינער און שניידט אפ יעדן שטריק, פרעג איך דיר, וואס איז דער מענטש - נישט קיין רוצח? דערפאר - זאגט מיר מוהרא"ש - דארף איך רעדן ביי די שיעורים, און מגלה זיין זייערע פרצופים, אז מען זאל נישט האבן קיין התפעלות וכו'".

דאס זעלביגע זאג איך דיר, דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די זכיה צו טון מיט בני הנעורים; וואס זאל איך דיר זאגן, מען קען ראטעווען אלע בחורים, נאר וואס דען, דער ס"מ שטעלט אויף מענטשן וואס זאלן אפרעדן וכו'. איך טרעף א בחור וואס לייגט נישט קיין תפילין, פון אינדרויסן זעט מען גארנישט אויף אים, אבער שטילערהייט איז ער פיל מיט קשיות אויף די אמונה, איך רעדט צו אים, און ענדליך צינד איך אן זיין אידישער פינק, און ער הייבט אן לערנען, און הייבט אן פאלגן דעם הייליגן רבי'ן וכו', ביז ער טרעפט איינעם וואס פארופט זיך א ברסלב'ער, און הייבט אים אן צו פארדרייען דעם קאפ, 'עס איז נישט ממש אזוי', 'עס איז נישט אהער', 'עס איז נישט אהין', וואס האט יענער געטון? אפגעשניטן דעם שטריק אויף וואס יענער וואלט זיך געקענט ראטעווען! און דאס איז נישט איין מעשה, דאס האב איך יעדן טאג.

איך האב נאך גארנישט אנגעהויבן צו שרייבן, אבער איך האב נישט קיין צייט ווייל איך דארף לויפן צו די בחורים, זייווארטן אויף מיר.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**שאלה**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א

איך האב געוואלט פרעגן וועגן גיין אין מקוה, אויב איז גענוג צו נעמען א שויער, ארויפצוגיסן אויף זיך תשעה קבין וואסער, אדער מוז מען דוקא גיין געהעריג אין מקוה?

יוסי
~~~~~~~~~~~

**תשובה**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת ראה, כ״ד מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד יוסי נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וויסן זאלסטו אז מקוה איז זייער א גרויסע זאך, ווייל ווען א מענטש טובל׳ט זיך אין מקוה, דעמאלט אין יענע רגע טובל׳ט מען אויבן אין הימל זיין נשמה, און מען איז זוכה אראפ צו נעמען פון זיך אלע דינים אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות המתקת הדין, סימן כב): ״עַל-יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה״.

דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה האט געזאגט: ״מקוה איז דער זעלבער לשון פון תקוה -אז מען גייט אין מקוה האט מען א תקוה אז מען וועט אלעס פארעכטן״.

דאס וואס דו פרעגסט אויב מען קען יוצא זיין מיט תשעה קבין; דאס איז נאר אויב א מענטש האט נישט קיין מקוה, למשל מען איז אונטערוועגנס וכדומה, אדער א מענטש וואס איז א חולה וכו׳, דעמאלט קען מען נעמען א שויער און לאזן רינען די וואסער פאר בערך פינף מינוט. פארשטייט זיך אז דאס איז נאר פאר א מאן, און אויך נאר בשעת הדחק.

אבער אז מען איז זוכה און מען גייט אין מקוה ברענגט מען אויף זיך זייער א גרויסע קדושה; דער הייליגער רבי אהרן קארלינער זכותו יגן עלינו האט געזאגט: ״מקוה איז טאקע נישט קיין מצוה, אבער צו וואס מקוה קען צוברענגען קען נישט קיין שום אנדערע מצוה צוברענגען״, און דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט אז ער איז צו געקומען צו אלע זיינע מדריגות, ווייל ער איז געווען זייער נזהר צו גיין אין מקוה יעדן טאג.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

## שאלה

לכבוד דער ראש הישיבה שליט"א,

איך דאנק אייך אויף די ווארעמע שיעורים, און אויפ'ן אוועקגעבן צייט צו ענפערן שאלות.

איך האב געוואלט פרעגן לגבי ראש השנה. די מענער ביי אונז פארן אלע אין אומאן ב"ה, און אונז בלייבן אין שטוב אלע פרויען מיט די קינדער. און ווי פארשטענדליך שפירט מען נישט אזא שטארקע ערנסקייט אן א טאטע וואס פירט דעם יום טוב, אן דברי תורה, און אזוי ווייטער. און מיר דארפן נאך אכטונג געבן אויף אלע קינדער.

איך פריי זיך אויף די זכיה אז מען פארט אויף אומאן און מען פאלגט דעם רבי, אבער איך שפיר אזוי ווי מיין ר"ה ווערט אביסל אזוי "קלות דעת".

אויב דער ראש ישיבה קען מיר מחזק זיין אין דעם.

יישר כוח.

רבקה

## תשובה

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת ראה, כ״ו מנחם-אב, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד מרת רבקה תחי׳**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו שיקסט דיין מאן מיט שמחה קיין אומאן אויף ראש השנה צום הייליגן רבינ׳ס ציון.
~~~~~~~~~~~

ר׳ אברהם בן רבי נחמן האט געזאגט: ״די גאנצע וועלט שרייט ראש השנה ״המלך״ אבער די הכתרה איז אין אומאן״; און דערפאר פירן מיר זיך צו קלאטשן ביי ״המלך״, ווייל דער רבי לערנט אונז אויס אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט, און וואס מען דארף זאל מען נאר פון אים בעטן, דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן רכ): ״וואס זאל איך אייך זאגן קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פארהאנען״, נאך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן תג): ״נאר איך ווייס וואס איז ׳ראש השנה׳, און איך האב עס באקומען א מתנה פונעם אייבערשטן, און ווער עס גלייבט און מיר זאל מאכן א ׳כרוז׳ אז אלע דארפן זיין ביי מיר אויף ראש השנה״.

אמאל האט איינער געזאגט פארן רבי׳ן אז עס איז אים שווער צו קומען אויף ראש השנה, ווייל ער האט נישט וואו צו עסן און ער האט נישט קיין געהעריגע פלאץ וואו צו שלאפן, א צווייטער האט זיך אפגערעדט פארן רבי׳ן אז ער קען נישט געהעריג דאווענען ווען ער קומט קיין אומאן אויף ראש השנה, האט דער רבי געזאגט מיט דעם לשון: ״יא עסן - נישט עסן, יא שלאפן - נישט שלאפן, יא דאווענען - נישט דאווענען, דער עיקר אז מען זאל זיין ביי מיר אויף ראש השנה״ (חיי מוהר״ן, סימן תד).

דערפאר דארפסטו זיין זייער פריילין אז דיין מאן פארט צום הייליגן רבי׳ן אויף ראש השנה, און ער וועט זיכער אהיים ברענגען ישועות פאר די גאנצע משפחה.

בנוגע וואס דו שרייבסט אז דו שפירסט נישט יום טוב׳דיג אן דיין מאן; דאנק דעם אייבערשטן אז א גאנץ יאר האסטו א מאן וואס פירט א שיינעם טיש און זאגט דברי תורה וכו׳, און יעצט ראש השנה זאלסטו פרובירן צו מאכן שיינע סעודות, גרייט דיר אן שיינע מעשיות צו פארציילן פאר דיינע קינדער; קינדער דארפן נישט קיין תורות, קינדער דארפן מעשיות, און אויב מען וויל האבן א שיינע שבת טיש, א שיינע יום טוב טיש - דארף מען זיך אנגרייטן שיינע מעשיות פון צדיקים, ווייל דאס האלט די קינדער רואיג און געלאסן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...